ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# גור אריה

אידיש

**687**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# מַעֲשֶׂה

# גור אריה

דָא וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם גֶעטְלִיכֶען מַאן הָרַב הַגָאוֹן הַמְפוֹרְסָם מו"ה לִיוָאִי בַּר בְּצַלְאֵל זללה"ה וָואס עֶר ווערְט גֶערוּפִין גוּר אַרְיֵה עֶר אִיז גִיוֶועןְ אַגֶעטְלִיכֶער מַאן עֶר הָאט גִימַאכְט דֶעם סֵפֶר גוּר אַרְיֵה אַפֵּירוּשׁ אוֹיף תּוֹרָה אוּנ נָאךְ פִיל אַנְדֶערֶע סְפָרִים עֶר אִיז גִיוֶועןְ רַב אוּנ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין פְּרָאג׃

48-סטע אויפלאגע

# ווארשא

שנת תרנ"ט לפ"ק

**МАСЕ**

т. е.

Сказки о раввинѣ Гуръ Аріе на еврейско-народномъ языкѣ

**ВАРШАВА**

Въ Типографіи И. О. Алапина Наловки № 47

1899 г.

עש איז גיוועזן אַ ין רב אין אקליין שטעטיל דא איז גיוועזן דער ארום זער פלעגט פארין עש רוב צום הרב הגדול נר אריה קיין פראג פלעגט ער זיך פאר אים תמיד קלאגין אוף זיין גרויס ארומקייט אבער דער נר אריה פלעגט אים דארויף גאר ניט ענטפערין ער פלעגט אים נאר אן זאגין ער זאל לערנין בהתמדה אונ ער זאל פסקענען זיין דין אמת . אמאל איז ער גיוועזן ביא דעם נר אריה אונ האט זיך פאר אים זייער מתנצל גיוועזן אויף זיין גרויס ארימקייט ווייל ער דארף חתונה מאכין קינדער אבער ער האט דרויף גאר ניט גישפארט נאר ער האט גיזאגט השי"ת זאל אייך העלפן איר זאלט ניט מחלל שבת זיין דר רב פאר שטייט גאר ניט וואס ער מיינט ער זאגט אים מסתמא וועל איך ניט מחלל שבת זיין חלילה נאר איך בדארף אבער חתונה מאכין קינדער זאגט ער אים ווייטער גאט זאל אייך אפ היטען פון חילול שבת בקיצור דר רב איז אוועק גיפארין זייער פרייעדיג וואס ער האט אים אויף זיין בקשה ניט גיענטפערט אונ וואס ער האט אים אן גיזאגט אויף חילול שבת ער פאר שטייט גאר ניט . אין אקליינע צייט ארום זענען אן גיקומען צוויי מענשין גרויסע סוחרים אונ פרעגין זיך צום רב אונ דאס איז גיוועזן אים פרייטיג פרעגט מען זיא וואס באדארפט איר דעם רב זאגין זיא אז מיר ווילין האלטין שבת ביא דעם רב זאגין דיא שטאט ליגט צו די סוחרים דר רב איז זייער ארום ער פר מאגט אייך ניט צו געבין עסין זאגין דיא סוחרים דאס איז אקליינעקייט געלט וועלין מיר געבין אויף שבת וויפיל ער וועט וועלין נאר מיר וועלין האלטין ביא אים שבת אזוי האט מען זיא גיפירט צום רב אונ דר רב האט זיא זייער שיין צוא גינומען . אונ זיי האבין גיגעבין צוא זיין ווייב געלט אז זיא זאל מאכין אשיינעם שבת אונ קען זאל אן גרייטין פיל נשמה . דר רב איז זייער פרייליך גיוועזן וואס ער האט אזוינע שיינע אורחים . פרייטאג צוא נאכט ביא דעם עסין פרעגין דיא סוחרים דעם רב פאר וואס זענט איר אזוי ארום ענטפערט ער זייא דען דאס שטעטיל איז אקליין שטעטיל אונ דיא שטאט לייט זענען זייער ארום דרום קענין זיא מיר ניט מספיק זיין מיין הוצאה . פרעגין זיי אים וואס פארט איר ניט ארויס אין אגרויסע שטאט . ענטפערט ער זיא ווארום עס פערטט זיך מיר ניט קיין גרויסע שטאט דען אפשר שטאט האט מסתמא זיין רב אבער ב... איך קאן זיין

ווען

אין דער גרעסטער שטאט איין רב דען איך בין איין גרויסער למדן
איך בין קלאר כמעט אין דער גאנצער תורה שבע"פ . פרעגין זיי
אים אבער עס זאל זיך אייך טרעפין איין גרויסע שטאט וואלט איר
ארום גיפארין זאגט ער יוא . זאגין זיי מיר וועלין אייך דר צייליו
דעם גאנצין אמת אונזער מדינה איז זייער איין רייכע מדינה אונ
תורה איז ביי אונז ווייניג עס הייסט ווייניג מענטשין קענין לערנין
אונ אז מיר בדארפין איין רב מוזין מיר נעמין פון איין פרעמדע
מדינה אונ היינט איז אין אונזר שטאט וויא מיר זענען גישטארבין
דער רב פארין מיר זוכין איין רב האט מען אונז גיזאגט אז איר
זענט איין גרויסר למדן אונ זענט זייער גימיין ווען איר בוודאי מיט
אונז פארין דרום זענען מיר גיקומען אהער אונ אויב איר ווילט מיט
אונז פארין זאלט איר זונטאג זאגין איין תשובה אזוי וועלין מיר
אייך געבין געלט אז איר זאלט זיך דא בקליידין אונ פיל געלט
וועלין מיר דא לאזין אייער ווייב אונ קינדר . אונ מיר וועלין דר וייל
אייך אליין נעמין אויף אונזער פור אונ מיר וועלין אייך געבין צעהין
רענדליך איין וואך שכירות אונ אז איר וועט ביי אונז זיין עטליכע
וואכין אונ איר וועט אן גינומען ווערין אין שטאט אזוי וועלין מיר
שיקין פורין צו ברענגען אייער ווייב אונ קינדר צו אונז מיט גרויס
כבוד . פרעגט ער זיי וויפיל מייל איז צו אייער מדינה זאגין זיי הונדרט
מייל אונ אונזר מדינה איז אפעטע מדינה מיט אלע מיני עסין
וואורג . אזוי ענטפערט זיי דער רב איך וועל מיך איין עצה האלטין
מיט מיין ווייב איבר שבת אונ נאך שבת וועל איך צו אייך זאגין איין
תשובה. אונ זיי בעטין דעם רב ער זאל זיי זאגין תורה אונ ער זאגט
זיי אונ זייא האבין פיל הנאה אונ זייא שיקען נאך פיל משקה אונ
רעדין ווידער דער פון אונ רעדין אים זייער איין אז ער זאל מיט זיי
פארין . נאך דעם עסין דער ציילט דער רב צוא זיין ווייב דיא גאנצע
מעשה אבער זיא רעט אים אויך שטארק צוא אונ זאגט צו אים מיר
האבין שוין דער נאקסענע קינדער מוז מען זיין גע ונד אונ אוועק
פון דר משפחה פון זייערט וועגין כדי מען זאל זיי קענין חתונה
מאכין . אויך אז מיר וועלין האבין פרנסה בשופי וועסטו קענין
זיצן אונ לערנין אונ דינען צו השי"ת וואורום ארומקייט פירט איבר
דעם מענשין פון יודישקייט . בקיצור עס בלייבט ביי זיי אז ער
זאל פארין מיט די סוחרים . זונטאג זאגט דר רב צו זיי אז ער וועט
מיט זיי פארין . די סוחרים זענען זייער פרייליך אונ געבין אים אריין

כתב רקעות אונ געפן אים צוויא הונדערט רענדליך אונ זאגן הונדערט רענדליך זאלט איר לאזן צו אייער ווייב אונ פאר הונדערט רענדליך זאלט איר זיך דא שוין באקליידן דען עס איז ניט שיין אז איר זאלט אריין פארן צוא אונז מיט אזעלכע גימיינע מלבושים זייא האבן דארט גיהארט עטליכע טאג ביז ער האט זיך שיין באקליידט אונ ער גיזעגינט זיך מיט דער גאנצער שטאט אונ די שטאט לייט ווייגען זייער דען עס האט זייא זייער באנק גיטאן דער רב דען ער איז אגרויסר למדן אונ איין גרויסר חכם עס איז שווער אזעלכם צוא קריגין . דער רב איז מיט זייא אוועק גיפארין אונ זייא טוען אים אן גרויס כבוד ביז זיי זענען גיקומן צו זייער מדינה . אבער אז זיי זענען גיקומען צו זייער מדינה טוען זיי אים אן קייטן אויף דיא פיס אונ זאגן צו אים דו מיינסט דו פארסט פר איין רב די פארסט גיהרגעט ווערין ער וויינט זייער אונ קלאגט פאר זייא אונ זאגט וואס האט איר צוא מיר לאזט מיך אפ חעל איך מיר אוועק צוא ריק אבער זייא לאכין פון אים אונ זאגן מיר האבן דיך נאר פאר נארט דוא ווערסט שוין פון אונזערע הענט ניט ארוס דו ווערסט שוין גיהרגית ווערן בקיצור זייא פאר פירין אים אין זייער שטאט אריין אונ לאזין אים אריין אין איין גרויסין פאלעץ אונ פאר שליסן דיא טיר אונ גייען אוועק . ער גייט דארט ארום אונ וויינט אונ קלאגט אבער עס איז דארט קיינר ניט דא ער זעהט דר פאליץ איז זייער גרויס אבר ער האט מורא צו זיין אין די חדרים . עס קומט פאר נאכט ברענגט מען אים עסין אונ מען שטעלט אנידר אונ מען פאר שליסט ווייטער די טיר אין דער פריא ברענגט מען אים ווייטר עסן אונ מען שטעלט נאר אנידר אונ מען פר שליסט תיכף די טיר . אונ דר רב גייט אלע טאג עיטר אונ זעהט אום אלע טאג מער חדרים נאר אז עס קומט די צייט פון עסין גייט ער אריין אין זיין חדר בכדי מען זאל ניט וויסן אז ער גייט פון דאנן אוועק אבר וויא באלד מען פאר שליסט דיא טיר גייט ער אין אלע חדרים אונ זוכט טאמר איז דא עפיס איין טיר אודר איין לאך וואס מען זאל קאנען דארט ארום אנטלויפין . אמאל איז ער גיקומן אין איין חדר זעהט ער אז דארט איז דא איין טיר אונ זיא איז ניט פאר שלאסין אהין לויפט ער גיך צוא דער טיר אבער וויא ער קומט פאר דער טיר זעהט ער אז דארט איז איין גרוב ביז אין דעם תהום אונ די גרוב איז זייער ברייט מען קען זי ניט אריבר, שפרינגן אונ עס איז

ניט דא קיין שום ארט וויא אזוי צוא קוקען אז דיר מיר איר זאגט
דארט עפעס איין עצה דער וויל זעהט ער אז איין חייקל שטייט
איין שאפע איין פאר שלאסענע אבער ער רייסט אויף זעט שלאס אונ
עפינט די שאפע אזו זעהט ער דארט איין גלעזערין שאפקעלי אונ
דארט ליגט איין קאפ פון איין מענטש'ש אזוא דער שרעקט ער זיך
זייער אונ זאגט וואס טוסטו דא אונ וויל אים אן נעמין זאגט ער
דיר זיך ניט אן אין מיר דען אז מען רירט זיך אן אין מיר מוז איך
שרייען אזו וועט מען קומן צו לויפן נאר זייא וויסן איך בין א קאפ
פון איין יהודי אונ מען האט מיר דעם קאפ אראפ גינומען אונ מען
האט מיר אונטער גיקלעפט איין שם הטומאה אונטער דער צונג אונ
די מדינה דינט צוא מיר אונ וואס זייא פרעגין מיך ענטפער איך
זייא דורך דעם כח פון דעם שם הטומאה אונ איך דין זיבן יאר
אונ נאך זיבען יאר בדארף מען שוין האבין איין אנדער קאפ איבער
דעם האט מען דיך גיבראכט אהער דען אין איין קליינער צייט גייט
שוין אוים מיינע זיבן יאר אזוי וועט מען אראפ נעמן דעם שם
הטומאה פון מיר אונ מען וועט דיך הרגנן אונ מען וועט אונטער
דיין צונג אונטער קלעבין דעם שם הטומאה אונ דוא וועסט זייא אויך
זאגין נביאות אזוי פאר וואונדערט ער זיך זייער אויף זיינע דבורים
אונ זאגט צום קאפ קען מען דען קיין יהודי ניט קריגן חוץ מיר
נאך וואס זענן זייא גיפארן אין אזוי איין ווייטע מדינה נאך מיר
ענטפערט דער קאפ איך וועל דיר דער ציילן דער מעשה וואס זייא
דינן צוא זיין קאפ אונ דער קאפ זאגט זייא אלץ וואס זייא פרעגין
אים מוז ער זיין איין בכור אונ זיין פאטער מוז זיין איין בכור אונ
זיין פאטערס פאטער בדארף אויך זיין איין בכור אונ אזויא בדארף
זיין ביז זיבין דורות פריער אלץ בכורים אונ אז זייא האבין
גיזעהן אז דיא זיבין יאר גייט זייא אוס האבין זייא זיך גיפרעגט
וויא קריגט מען אזו איין מענטשין האב איך זיי גיזאגט אז זייא
זאלין פארין נאך דיר דען דוא ביסט איין בכור ביז זיבן דורות
דרום האבין זייא דיך פאר נארט אהער פרעגט אים דער רב טאמער
איז דא עפיס איין עצה אז איך זאל קענן אנטלויפן פון דאנען
ענטפערט אים דער קאפ אז זייא וועלין גיוואר ווערין וועלין זייא מיך
פרעגין וועל איך זייא מוזין זאגן דען איבער דעם שם הטומאה
וואס עס איז אונטער מיר גיקלעבט אונטער מיין צונג מוז איך זייא
זאגן וואס זיי פרעגן מיך. זאגט דער רב גיב דוא מיר איין עצה

וואס איך זאל טאן וואנט ער האט אויך דאס געקענט זיך פארלאנגן
וועקסט ניצול ווערן נאר שווער פיר אז דוא וועקסט זיך פארלאנגן
אזוי האט אים דער רב געשווארן זאגט דער קאפ די ערוב וואס דו
זעהסט דא פאר דער טיר זאלסטו וויסן אז דאס איז נאר גוט קיין גרוב
נאך עס איז געמאכט געווארן מיט כישוף מען זאל מיינן אז עס
איז איין גרוב דרום נעם ביי טיר ארויס דעם שם הטומאה און
נעם מיט זיך און גייא ארויס ביי נאכט דורך דער טיר און זאלסט
אנטלויפן און אז דו וועסט קומען אויף דעם פעלד זאלסטו מיך
ברענגען צו קבר ישראל און פון דארטן וועסטו אנטלויפן ביז דו
וועסט קומען צו דיין מדינה. דער רב האט אזוי געטאן און האט
געווארט ביז עס איז נאכט געווארן און האט גענומען מיט זיך דעם קאפ און
איז ארויס דורך דער טיר און איז אנטלאפן און האט דעם קאפ
באהאלטן אזו וויא עס בדארף צו זיין און איז פון דארטן אוועק
און איז געלאפן צוויא נעכט מיט טעג צוויא נעכט אבער ער איז זייער
הונגעריג געווארן ביז ער איז געקומען צו איין שטאט איז ער צו געגאנגן
צו איין הויף און איז אריין געגאנגן אין קעך אריין און האט געבעטן
מען זאל אים געבן איין שטיקל ברויט אזויא האט מען רחמנות
געהאט אויף אים און מען האט אים געגעבן א שטיקל ברויט אבער
ער האט מיט זייא ניט געקאנט רעדין דען ער האט ניט פאר שטאנען
זייער לשון און זיי האבן ניט פאר שטאנען זיין לשון נאר ער האט
מיט זיי גירעט אויף דעם ווינק בקיצור ער האט זיי קשיא געטאן
אין קעך ער האט זייא אריין געטראגן האלץ מיט וואסר און זייא
פלעגן אים געבן א שטיקל ברויט ער איז דארט געזעסן עטליכע טעג
ער איז ביא דעם קעך מייסטער זייער חשוב געווען ער פלעגט אים
זייער געטרייא באדינען און ער האט זיך שוין אויס געלערנט א ביסל
זייער לשון און דער קעך מייסטער איז געווען פון דעם מלכות צר
איז ביא דעם קעך מייסטער געווארן נאר איין איינגער ער פלעגט
אים עס רוב אבמונג געבן אויף רעה ניקעכן ער פלעגט זיך שוין
פאר לאזן אויף אים. אמאל איז דער קעך מייסטער ארויס געגאנגן
אזוי האט דער רב צו געשטעלט דאס עסן דען עס איז שוין געווען
אן געגרייט אויף צו שטעלן און דער קעך מייסטער האט זיך דארט
פאר זאמט דער ווייל איז פארטיג געווארן דאס געקעכץ אז דער
קעך מייסטער איז געקומען און האט דאס דער זעהן האט ער גרויס
הנאה געהאט דען דער קעך פארזוכט דאס עסן און עס איז זייער

גוט

נוט אפ גיקאכט אונ ער ווייסט אז עס איז שוין די צייט פון עסין אונ אז ער זאל ניט גיוועזן צו שטעלן דאס עסין אונ דר מלכות זאל וועלן עסין אונ עס איז ניט פארטיג אזוי קומט אים סיתה דרום האט ער אים זייער גידאנקט אונ זאגט צו אים זיץ ביי מיר אונ איך וועל דיר געבין עסין אונ טרינקען אונ דו וועסט מיר העלפין קאכן אונ דער רב איז זיך שוין מייאש פון זיין היים וואררום ער האט דא גאר מורא אוים צוא זאגן אז ער איז איין יהודי אונ דעם וועג ווייסט ער ניט אונ עס איז גיקומן די צייט פון עסין אזוי טראגט דער קעך מייסטער אריין צום מלך דאס עסן אונ אז דער מלך פאר זוכט דאס עסין אזוי רופט ער באלד אריין דעם קעכר אונ זאגט אים דו זאלסט מיר באלד זאגין דעם אמת ווער האט גיקאכט דאס עסין אזוי האט זיך דר קעך מייסטר זייער דער שראקין אונ האט פר פחד גאר ניט גיוואוסט וואס צו ענטפרין אונ אז דר מלך האט דר זעהן אז ער איז זייער דר שראקן אזוי זאגט ער צו אים ווס שרעקסטו זיך דען דס עסין איז אזוי גוט אז איך האב נאך קיין מאל ניט גיגעסין אזוי איין עסין אונ פר וואס איז דאס היינט פר ענדרט פון תמיד עס האט גימוזט איין אנדרער קאכין דאס עסין אזוי דר ציילט אים דר קעך מייסטער דיא גאנצע מעשה אז פון איין צייט איז גיקומען אהער איין פרעמדר מענש איין ארימער אונ איז ביי מיר אין קעך אונ באדינט מיך אונ איך גיב אים דר פר איין שטיקיל ברויט אונ היינט בין איך ארויס גיגאנגען אונ האב מיך עפיס פר זאמט אזוי האט ער אליין צו גישטעלט דאס גיקעכטץ אונ האט דאס אליין אפ גיקאכט . זאגט דר מלך צו אים שיק אים אריין צוא מיר איך וויל אים אן קוקין אזוי איז דער קעך מייסטער באלד גילאפין אונ האט אים אריין גירופין צום מלך זאגט דער מלך צוא אים דוא האסט גיקאכט דאס עסין אזוי האט ער זיך זייער דער שראקין זאגט דר מלך שרעק זיך ניט זאג דעם אמת זאגט ער יוא איך האב גיקאכט זאגט דער מלך צוא אים ווער ביסטו זאגט ער איך בין פר בלאנזשט גיווארן פון איין ווייטע מדינה אהער דען איך בין גיפארן אויף דעם ים המט מיך דר ים פר טראגין אהער זאגט דר מלך צו אים פון היינט אן אונ ווייטר זאלסטו זיין מיין קעך מייסטר אונ איך וועל דיך רייך מאכין . אונ איך וועל דיך מאכין פר איין גרויסין שר . אזו איז ער גיווארן קעך מייסטר אונ איז אלי מאל חשיבער גיווארן ביי דעם מלך ביז ער איז גיווארין שני למלך אונ ער איז גיוועזן זייער פרום אונ האט

יגעסן כשערע מאכלים . ויהי היום איז ער אמאל ארײן געגאנגען אין דער ביבליאטיקע פון דעם מלך האט ער דארט געפונען איין זכור ספר וואו ער ארײן געקוקט אין זכור האט ער זיך דר מאנט אז ער פלעגט תמיד זאגן זכור האט ער זיך זייער צוא וויינט אונ בהמה געווען האט ער זיך גאר פאר געסן אז ער איז אין איין פרעמדי מדינה אונ האט געווייגט זייער מיט איין ביטער קול אזו האבין דיא שרי מלוכה דער הערט דאס געוויין אזוי זענין זיי ארײן גיגאנגען אונ האבין דר זעהן ווי ער האלט אויף דר האנט איין ספר אונ וויינט זייער מיט איין ביטער געוויין אונ זייא האבין געהאט גרוס קנאה אויף אים אזוי זענין זייא גיגאנגען צום מלך אונ זאגין דיין שני למלך זיצט אין ביבליאטיקע אונ האלט איין ספר אין דר האנט אונ וויינט זייער מיט איין ביטער געוויין מיט איין גרוס קול עס איז ניט אנדערש ער מוז זיין משוגע . אזו האט זיך דער מלכות זייער דער שראקין דען ער האט אים זייער ליב געהאט באהבת נפשו דען ער איז געוועזן זיין יועץ אויף אלע זאכין ער האט שוין פיל מלחמות איין גינומען מיט אים דורך זיינע עצות דען ער איז געוועזן איין גרויסר חכם אונ גאט איז געוועזן מיט אים . אזו שיקט דער מלכות אים רופן אונ גייט מיט אים ארײן אין איין באזונדער חדר אונ זאגט צו אים זאג מיר דעם אמת וואס האסטו געוויינט מיט אזו איין ביטער געשרייא אונ האסט געהאלטין איין ספר אין דיא הענט . אזו האט ער זיך זייער דער שראקין אונ זאגט איך וועל דיר דער ציילען דעם אמת דוא זאלסט וויסען אז איך בין איין יהודי אונ איך בין פאר וואַרפין פון דער היים שון איין צייט אונ היינט האב איך געפונען איין יודישן ספר וואס איך פלעג אים תמיד לערנען ווייא איך האב אן גהובן אין אים לערנען האב איך מיך דער מאנט אין דער היים אונ איך ווייס אז איך וועל שון אהיים ניט קומען אונ איך האב אין דער היים גילאזט איין ווייב מיט קינדער דרום האב איך זייער געוויינט . ווייא דער מלכות האט דיר דערהערט אזו איז ער זייער דער שראקין געווארין אונ זאגט היינט ווייס איך גאר ניט וואס איך זאל טאן מיט דיר דען דא איז דער דין אזו אז דער וואס האלט איבער בייא זיך איין יהודי קומט אים מיתה ער מעג זיין אפילו דער מלך אליין אונ היינט אז מען וועט גיוואר ווערן אז דו ביסט איין יהודי וועט מען אונז ביידי הרגנן . דרום ווייס איך ניט וואס צו טאן מיט דיר , זאל איך דיך הרגנן טוסטו מיר זייער באנק

דען

דען איך האב דיך ליב זאל איך דיך לאזין לעבין קאשי ווען מען גיוואר ווערין . לעת עתה זיין דא ביז אויף דער נאכט אונ איך וועל זיך דר וויל בטראכטין וואס צו טאן מיט דיר דר רב גלייבט זיצען אין דעם חדר . אונ ארום גיין טאר ער ניט . ער זיצט דארט אונ וויינט זייער דען ער איז פון איין טוט ניצול גיווארין הייגט וועט ער ווידר גימיית ווערין אזו איז ער מתפלל צו השי"ת אז ער זאל אים מציל זיין פון דעם טוט . ביי דער נאכט קומט אריין דער מלכות [illegible] אים אונ זאגט איך האב מיך שוין בטראכט וואס צו טאן מיט דיר דען הרגינן קען איך דיך ניט גאר עס איז דא אונטער דער שטאט איין פוסטיר מויאר אונ ארום אים איז איין גרויסער קרעפיסט דען קיין שום מלך קען אים ניט איין נעמין עס האבין זיך שוין פיל מלכים גיפרובט אים אפ נעמין אבר עס איז דארט פיל חיל גיהרגית גיווארין אונ מען האט אים ניט גיקענט נעמין דען אז מען גייט צו צו אים ווארפט ער גרויסע שטיינער אונ הרגית פיל מענטשין מען ווייסט גאר ניט וואס דאס איז גאר עס איז דא דארטין איין קליין שירעל וועל איך גין מיט דיר אונ דיך אהין אריין לאזין אונ וועל דיך דארט פאר שליסען אזו וועסטו דארט ממילא גיהרגית ווערין גאר איך וועל חאטשי ניט זעהן דיין טוט . דער מלך נעמט אים אונ גייט מיט אים אונ ער וויינט זייער דען ער וועט אפילו צו קבר ישראל ניט קומען . בקיצור דער מלך האט אים אריין גילאזט אין דעם שירעל אונ האט אים פר שלאסין אונ איז אוועק גיגאנגין צוריק אונ קיינער האט דר פון ניט גיוואוסט דער רב אז ער איז גיקומין אהין איז ער צו גיגאנגען צום קרעפיסט אונ קיינער טשעפעט אים ניט אונ ער גייט אריין אין מויאר אריין צו זעהן וואס דארט איז . אזו וויא ער איז אריין גיגאנגין אין דר טיר אזו טאפט ער מיט די פיס אז ער גייט אויף מענטשין אזו ווערט ער זייער דער שראקין אונ איז צו גיגאנגען צו איין ווינקיל אונ שטייט דארטין אונ הארט ביז עס וועט טאג ווערין כדי ער זאל זעהן וואס דארט איז . אונ בשעת דער מלך האט אים אוועק גיפירט האט ער אים מיט גינעמין איין ברויט ער זאל האבין דר ווייל וואס צו עסין איידער ער וועט דארט שטארבין . אונ אז עס איז טאג גיווארין זעהט ער אז עס ליגט אום גילייגט פול מיט טוטי מענטשין איינער רעבין אנדרי אין גאנצין מויאר . אונ אז עס איז גיווארין גוט ליכטיג אזו האבין זיך אלע אויף גיכאפט אונ איינער האט זיי אלע גיוואשין די הענט

זאגט

דאס זיי האבן אלע תפלה געטאן צו השי"ת מיט גרויס געשריי דר רב איז שיעור געשטארבן פאר פחד אבער זיא משטעקן אים נאר נים אונ אז זיי האבן אפ געזאגט די תפלה זענען זיי וויטער געפאלין צוא דער ערד אונ וויטער געבליבן טוט ליגען . אזו האט אים זייער באנק געטאן פר וואס ער האט זיי נים געבעטין אז זיי זאלין אים ארוס פירין פון דאנין אויף איין וועג ארויס כדי ער זאל קענין קומין אהיים . אבער עס איז פר פאלין ער האט דארט אפ געדאווינט אונ האט געגעסין א שטיקל ברוט אונ זיצט דארט אונ הארט שוין אויף מאורגין טאמער וועט ער קענין מיט זייא עפיס ריידין . אז עס איז ווידער געקומין אין דר פריא אזו האט ער שון געזעהט אז זייא זענען נאר אויף געשטאנין אונ האבין זיך אן געהויבין וואשין די הענט אזו האט ער אן געהויבין זייער וויינין פאר זיי אונ זאגט צו זיי רבותי איך בין איין יהודי אונ בין פר בלאנזעט פון דער היים טאמער קענט איר מיר עפיס וויזין איין וועג אהיים . אזו האבן זיי אים געענטפערט אז נאך זייער תפלה וועלין זייא אים געבין זייער שמש וואס וואשט זיי די הענט אונ ער וועט אים אפ פירען אהיים נאר ער זאל פאלגין דעם שמש וואס ער וועט אים אן זאגין . פרעגט ער זיי רבותי ווער זענט איר ענטפערין זייא מיר זענען גדולי החדר מיר האבן זיך אמאל איין געשפארט אין א גרוסע זאך אזו האבין מיר זיך צו טיף געקליבן אהער אונ מיר האבין אפ געשטוסט אז מיר זאלין פון דאנין נים אוועק גיין ביז מיר וועלין דאס אויס פירען אונ אויב נים וועלין מיר דא בעסיר שטארבין אזו האבין מיר דא אזו לאנג געשריגין מיט תפלות מיט מסירת נפש ביז מיר זענען דא געשטארבין דען עס איז נאך נים געוועזין דיא צייט דאס זאל זיין אונ פאר אונזער מסירת נפש האבין מיר איין זכות אז קיין שום בריה אויף דער וועלט קען אהער נים קומן כדי מיר זאלן דא קענען ליגן בארוט אונ מיר זאלן קענין אלע אין דר פריא אויף שטיין תפלה טאן צו השי"ת . אונ ווייטער פרעג שון אונז נים עס איז אזו געוועזן נאך דער תפלה האבן זיי געהייסין דעם שמש אז ער זאל אים אפ פירען . אזו האט דער שמש אים גענומן ביי דער האנט אונ האט אים געפירט אונ האט אים אן געזאגט אז ביז ער וועט ארויין צו זיך אין שטוב זאל ער מיט קיינעם נים רעדן אונ קיינעם נים ענטפערין . אונ דאס איז געוועזן פרייטאג . בקיצור ער האט אים געפירט ביז פאר נאכט . עס איז געקומען פאר נאכט . זעהט

שוי

דר און ער שטייט שון לעבין זיין שטוב . און זיין ווייב איז ארויס גינאנגען פון דער שטוב און צוגעריכט איין לעכט צוא בענטשין לעכט וויא ער האט זיא דער זעהן מחמת גרויס שמחה זאגט ער צו איר וואס מאכסטו אזוא באלד איז ער געבליבן שטיין ווייט פון דער שטאט . און דער שמש איז ניט געבליבן ווייל ער האט איבר גיוועז אוף זיין פאר זאג און דא איז גיווארין נאכט . ער הט זייער מורא גיהאט שבת האלטין אונטער דער שטאט אין מיטן פעלד און צו דער שטאט איז גיוועזן מער פון איין תחום שבת . פאר גרוס פחד איז ער ארין גיקומן ביי דער נאכט אין שטאט אריין און איז גיקומן אהיים . דס ווייב און קינדער האבין אים דער זעהן האבין זיא זיך זייער דער פרייט דען עס איז שון גיוועזן אלאנגע צייט זינט ער איז פון זיי אוועק און זיא פרעגין אים וויא איז גינאנגען מיט דיר און וויא קומסטו אהער און דוא ביסט זיך גאר אוועק גיפארין מיט די סוחרים פר איין רב אין זייער מדינה . ער הייבט זיא אן דער צייליז דיא גאנצע מעשה פון דעם אן הייב ביז אין סוף . עס איז גיווארין איין שטעטיל אגרויסע שמחה דען ער איז שון כמה פעמים ניצול גיווארין פון דעם טויט . נאך שבת איז ער גיפארין צום גור אריה . וויא דער גור אריה הט אים דער זעהן גיט ער אים שלום און זאגט צו אים איך האב זיך איך אלץ גיזאגט השי״ת זאל איך מציל זיין פון חילול שבת נאך וואס האט איר מחלל שבת גיוועזן דען איר זאלט ניט גיהען מחלל שבת זיין אזוי וואלט איר גיוועזן מיט די יכורים אפ גיקומן אלע עונות און איר וואלט גיוועזן אגרויסער בן עולם הבא נאר הייגט האט איר אויף זיך דעם עון פון חילול שבת . און דר גור אריה והאט אים ארויס גיגעבין דרייא איין תשובה :

מעשה דער גור אריה האט אמאל מחדש גיוועזן די לבנה מיט דעם עולם אזוי האט דר גור אריה דער זעהן אז אמענטש איז גיפלוגין אין דר לופטין און איז גיפארין לעבין אים נאך קידוש לבנה האט ער אים גירופין צוא זיך אהיים און פרעגט אים ווער ביסטו און וויא קומסטו פליהען אין דער לופטין אזוי זאגט ער צו אים רבי איך וועל אייך דער ציילין די גאנצע מעשה איך בין פון דער שטאט איין בעל הבית און בין גיפארין אויף דעם ים מיט סחורה אזוי איז די שיף צו שלאגין גיווארין אויף דעם ים מיט די סחורה און אלע

זענן ארײן גיפאלין אין ים אונ השרת האט מיר אײן נס גיטאן אז איך האב מיך אן גיכאפט אין אײן ברעט אונ אײן מערק האט זיך אויך אן גיכאפט מיט מיר. מיר זענן גישווימין אויף דעם ים. אזו האט אונז דר ים פאר טראגין צוא אײן קעמפי. אונ מיר זענן ארויס גיגאנגין אויף דר קעמפי אונ מיר גײען ארום אויף דער קעמפי צװײא טעג מיר האבין ניט װאס צו עסין אונ מיר זוכין אײן ישוב אונ מיר גיפינין ניט מיר זענין שלאף װעגין הונגער אונ װעגין מידיקייט. דר נאך האבין מיר דר זעהן פון װײטין אײן משערדי פון שאף האבין מיר זיך זײער דער פרײט אונ מיר זענ אהין גיקומין אזו זעהן מיר װיא דר פאסטוך איז זײער ארוכער מענטש אונ האט נאר אײן אויג אין שטערין. האבין מיר זיך פאר אים זײער דער שראקין דען מיר זעהן אז ער איז אײן װילדר מענטש אונ איז אײן רוצח אזו האבין מיר גיװאלט אנטלופן אבער ער האט אונז שוין ניט גילאזט אנטלופין נאר ער האט אונז גיזעצט לעבין זיך ביז עס איז נאכט גיװארין. אונ אז עס איז נאכט גיװארין האט ער אן גיהויבין צו פאר טרײבין דיא שאף אונ האט אונז אויך גטריבן מיט די שאף ביז ער האט די שאף פאר טריבן אין אײן גרוסין פארקין אונ ער איז מיט אײן גרױס חזקת אונ האט דעם הויף פאר שלאסין אונ האט אונז אויך אהין ארײן גיטריבן אונ דר רוצח האט צו לײגט אײן פײער אונ האט זיך גיזעצט עסין. אונ אין מיטן עסין איז ער צו גיגאנגין צו מיר אונ האט מיר ארום גיטאפט מײן נאקין לײב אונ האט גיזעהן אז איך בין זײער מאגער אזוא האט ער מיך אפ גילאזט אונ האט גיטאפט דעם מערק אזוי איז ער זײער פעט גיװעזן האט ער באלד גינומען אײן שפיז אונ האט אים ארײן גישטעקט אין זײן בויך אונ האט אים גילײגט אויף דעם פײער בראטין אונ האט אים אפ גיבראטין אונ

האט אים אין נאכצין אויף גיגעסין אונ לעבען אים איז גישמאגען
איין פאס ווין האט ער זיך אן גיטרונקען מיט פיל ווין אונ
איז אנטשלאפין גיווארין. אונ אויף מיר איז גיפאלין איין גרוס
פחד ווארום איך האב גיוויסט אז סוף כל סוף וועט ער מיך
אויך הארגין אזוי וויא ער איז אנטשלאפין גיווארין אונ דאס
פייער האט לעבין אים גיברענט האב איך זיך גיטראכט איך
בין זיך שוין בלויז פר פאלין איך וועל אים פריווען הארגענן
דען ער הט זיך זייער אן גיגעסין אונ האט זיך אן גיטרונקען
מיט ווין מסתמא שלאפט ער זייער גישמאק אזוי בין איך
צו גיגאנגין צום פייער אונ האב גינומין זיין שפיז אונ האב
זיא צו היצט אין פייער אונ האב זיא אים אריין גישטאכין
אין זיין אויג אונ איך בין אנטלאפין אונטער דיא שאף אונ
האב מיך דארט בהאלטין אונ דער רוצח האט זיך אויף
גיכאפט מיט איין גרויס גישרייא אונ איז ארום גילאפין דעם
גאנצין הויף מיך צו זוכין אבער ער האט מיך ניט גיפונען
דען ער איז בלינד אונ איך זעה וויא צו אנטלויפין דער
נאך האט ער גיעפינט דעם הויף אונ האט זיך גישטעלט
לעבין דער מיר כדי איך זאל ניט קענין אנטלופין דורך דר מיר
ווארום דער פארקין איז זייער דויך גיוועזין האט ער גיוויסט אז
איך קען ניט אריבער. אונ ער האט דורך דער מיר ארויס גילאזט
דיא שאף איינציג ווייס אונ איטליכע שאף וואס זיא איז ארויס
גיגאנגין האט ער זיא ארום גיטאפט טאמיר גייא איך ארויס מיט
איר. אבער דיא שאף זענען זייער דויך גיוועזין אזו האב איך
מיך אן גיהאלטין אונטין ביא די האר פון איין שאף אונטער
דעם בויך אונ איך בין מיט איהר ארויס חאטשע ער האט
גיטאפט אבער השי"ת הט מיר גיהאלפין אז ער הט מיך ניט
אן גיטאפט אונ איך בין ארויס אונ איך האב מיט גינומען מיט
מיר א שטיקל ברויט פון זיין ברויט וואס עס איז גילעגן נעבין
אים אונ איך בין שטארק אוועק גילאפין בכדי ער זאל מיך

ניט קענין חאפין . דער נאך האב איך גיגעסין אשטיקל ברוט
האב איך מיך מחיה גיוועזן דען איך האב שוין עטליכע טעג ניט
גיגעסין אונ בין ווייטר גיגאנגען אליין ביז איך האב דר זעהן
פון ווייטין אגרויסין פאלין אזו בין איך אריין גיגאנגין אהין
אבער איך האב דארט קיינעם ניט גיזעהן . האב איך מיך
זייער דר שראקן ווארום דא איז בוודאי דא גזלנים דרום
זענין זיא ביא טאג אין פעלד אונ ביא נאכט וועלין זיי
אהער קומין נעכטיגן איך האב גאר ניט גיוויסט וואס צו טאן .
דען דארט זיין האב איך מורא אונ אנטלופין ווייס איך ניט וויא
אהין דען מאמיר וועלין מיך דיא גזלנים בגעגנין אויף דעם
פעלד אונ ברויט האב איך שוין גאר אשטיקל . דר וויל האב
איך דארט דר זעהן איין ריבע מיט איין טירל בין איך אריין
גיגאנגען אין דר ריבע אונ האב מיך דארט בהאלטין אונ האב
מיך פר מאכט מיט דעם טירל . איך זאל זעהן וואס דארט וועט
זיין אויף דר נאכט . אונ עס איז נאכט גיווארין האב איך גיהערט
איין קול פון איין גרויס חיל עס קומט אן אונ די מאזיקי שפילט
מיט גרוס אפציג אונ מען שרייט דער מלך קומט אן אהער .
אזו איז אויף מיר גיפאלין איין גרויס פחד איך בין שיער
גישטארבין פר פחד . דער וויל איז דר מלך אן גיקומען . אונ
מען הט דארט אן גיצונדין פיל ליכט אונ דער מלך הט זיך
גיזעצט אוף איין גילדינע שטול אויבין . אונ דר מלך זאגט ווער
עס הט עפיס איין קלאג אדער איין משפט זאל קומען צו פר
מיר דען איך וועל אלע ענפרין . אזו זענין צו גיגאנגען צו אים
איין סך מענטשין אונ האבין זיך פר אים גילאדין אונ ער האט
אטליכן גיענפערט זייער גוט . אונ עס איז זייא זייער וואל
גיפעלין זיינע משפטים אונ האבין אים גרויס כבוד אן גיטאן אונ
די מאזיקע האט זייער שין גישפילט פאר אים . דאס האט
גידארט ביז זייגער צוועלף אבער נאך צוועלף זענין צו גילאפין
צו אים צוויי מענטשן אונ האבין אים אראפ גיטאפט פון זיין שטול

סיפ

מיט גרויס אכזריות . אונ האבין אים צו ריסן אויף שטיקר זאת עס איז קיינער פון זיי ניט גיבליבן . אזו האב איך שוין גיווארט ביז טאג . אז עס איז טאג גיווארין איז דער פחד אויף מיר זייער גרוים איך וויים גאר ניט וואס צו זאגין אונ איך חיים ניט וואס דאס איז גיוועין . אונ איך בין ארוים פון דער ריבע אונ בין ארום גיגאנגען אין שטוב צו זוכין עפים עסין אבער איך גיפין דארט גאר ניט . עס איז פיסטע אלע דירות . אונ אז עס איז גיקומין פר נאכט בין איך ווידער אריין גיגאנגען אין דער ריבע . אונ ווי עס איז נאכט גיווארין איז ווידר גיוועין דאס איינגע וואס געכטין . דער מלך איז גיזעסין אויף אגילדערנע שטול אונ מען האט זיך פר אים גילאדין אונ ער האט גיפסקיט מיט גרוים שכל אונ עס איז זייער וואל גיפעלין אונ מען האט אים גרוים כבוד אן גיטאן אונ די מאזיקע האט זייער שיין גישפילט אונ ווייא עס איז גיקומען צוועלף דער זייגער אזו זענין צו גילאפין צוויי מענטשין אונ האבין אים צוא ריסן אויף שטיקער אונ עס איז קיינר ניט גיבליבן . אזו איז מיר איין גיפאלין אין מיין דעת אז איך זאל דא הארין נאך איין טאג ביז אויף דר נאכט בשעת דר מלך וועט דא זיין אונ מענטשין וועלין צו אים צו גיין מיט בקשות אזו זאל איך אויך צוא אידם צוא גיין אונ אים זאגין מיין בקשה . אז איך וויל קומען אהיים טאמער וועט ער מיר קאנין עפעס איין טובה טאן דען כל זמן אז ער איז מלך פאלגט זיך אידם איטליכר טאמער וועט ער שאפין אז מען זאל מיך אפ פירן אהיים . אלא ער וועט מיך הייסין הרגנען וואס וועל איך דען אן ווערין איך בין שוין בלויז פר פאלין איך וועל שטארבין פאר הונגער . אונ איך האב אזוי גיטאן איך האב גיווארט ביז אויף דר נאכט אונ ווייא דר מלך איז אן גיקומען אונ האט זיך גיזעצט אויף זיין שטול אונ האט גיזאגט ווער עס האט עפים איין משפט אדער איין בקשה זאל ער זאגין אזוי באלד בין איך ארוים פון דר ריבע אונ בין צוא גיגאנגין צוא

אדם אונ בין אים גיפאלין צוא דיא פיס אונ האב אן גיהובין זייער וויינען אונ זאג אדוני מלך איך האב פר בלאנזעט אהער מחמת מיין שיף איז צו שלאגין גיווארין בין איך גיקומען מיט איין ברעט אויף דער קעמפע אונ היינט ווייס איך גאר ניט וויא איך בין אונ האב שוין עטליכע טאג ניט גיגעסין . דרום בעט איך דיך אדוני מלך אז דו זאלסט אויף מיר רחמנות האבין אונ זאלסט שאפין צו דיינע קנעכט אז זייא זאלין מיך אפ פירען אהיים אונ איך האב ביי אים נושא חן גיוועזן אונ זאגט צוא מיר דו האסט דיין בקשה גיפולט אונ ער האט באלד גישאפט צו איינעם אונ זאגט צו אים פיר אפ דעם מענטשין צוא זיין היים אונ דוא זאלסט אים ניט מזיק זיין אונ זאלסט אים גיך אפ פירען דען ער איז הונגעריג . אזו באלד האט דר שליח המלך מיך גינומען ביי דער האנט אונ האט מיך ארויס גיפירט אין דרויסין אונ האט אן גיהובין מיט מיר צו לויפין אויף דעם וועג פרעג איך אים אדוני זאג מיר וואס איז דיא מעשה מיט דעם מלך וואס אלי נאכט איז ער איין מלך אונ שאפט אונ איטליכר גיט אים אפ גרוים כבוד אונ דר נאך צוא רייסט מען אים . זאגט ער צוא מיר דר דאזיגער מענטש איז דר רוצח נידון ער איז שוין פיל יאר טוט אונ אז ער האט גילעבט האט ער אויס גיהרגעט פיל נפשות אונ האט גיוואלט אפ נעמין דיא וועלט אונ ווערין איין מלך דרום בשאפט מען אים אלע נאכט אונ מען קריינט אים פר מלכות אונ ער קיניגט ביז זייגער צוועלף אבער דר נאך בצאלט מען אים זיין שכר אונ מען צוא רייסט אים אזוי ווי ער הט פיל מענטשין גיטאן דען השי״ת בצאלט מדה כנגד מדה אזו הט דער יהודי דר ציילט דעם גור אריה די גאנצע מעשה . אזוי הט דר גור אריה זיך זייער פאר וואונדערט אויף דער מעשה אונ זאגט גילובט איז השי״ת וואס ער הט דיך מציל גיוועזן פון דעם ים אונ פון דעם רוצח מיט איין אויג אונ פון די מזיקים וואס זענין גיוועזן מיט דעם מלך :

מעשה אז דער גוף זאריה איז נאך געוועזן איין יונגעל האט זיך פר לאפין איין מעשה אין דער שטאט פראג. עס זענין געוועזן צווייא קלייטין אינס קעגין אנדערין אין איין קלייט איז געזעסין איין יהודי. אונ אין דער אנדערער קלייט איז געזעסין איין דייטש איין קריסט דר וויל האט דער יהודי געציילט געלט ביי זיך אין קלייט אונ דער דייטש האט געזעהן ביי זיך אין קלייט דורך איין שפארינע דען עס האט נאר מפסיק געוועזן איין וואנט צווא וויש
די צווייא קלייטין האט ער געזעהן וויפיל קערבליך ער האט אפ געציילט אונ וויפיל צווייער אונ וויפיל גילדין אונ נאך אנדערע מטבעות אזוי איז דער דייטש געגאנגין צו דעם שר פון דער שטאט אונ האט אים געזאגט ער האט געהאט איין גניבה פון פיל געלט היינו אזוי פיל קערבליך אונ אזוי פיל צווייער אונ אזוי פיל גילדין אונ אזוי פיל אנדערע מטבעות דרום גיב מיר מענטשין אז איך זאל גיין זוכען מיין גניבה. אזוי האט ער אים געגעבין מענטשין אונ ער איז געגאנגען אין עטליכע קלייטין זוכען אונ האט ניט געפונען אונ דער נאך איז ער ארייין געגאנגען אין דער קלייט פון דעם יהודי אונ הייבט אן זוכין אונ געפינט זיין געלט אזוי ווי ער האט געזאגט מיט אלע סימנים אזוי האט מען צו גינומען דאס געלט אין פאליציי אונ מען נעמט דעם יהודי אויך אין פאליצייא אבער פיל מענטשין פון יהודים גייען אונ זאגין עדות אויף דעם יהודי אז ער איז איין ערליכער ער איז ניט קיין גנב אונ דר יהודי שרייט זייער אונ זאגט דען דער דייטש זיצט לעבין אים אין קלייט האט ער בוודאי געזעהן וואס איך האב געציילט דאס געלט ביי מיר אין קלייט דרום ווייסט ער אלע סימנים אונ עס איז דאך ניכרים דברי אמת האט די פאליציי פאר שטאנין אז דר יהודי איז גירעכט אבער דאס געלט קען מען ניט אפ געבין דר דייטש שרייט אויך זייער אונ זאגט פארט סימנים. בקיצור זיי קענין זיך דריבען קיין עצה ניט געבין דר משפט קומט אן צום מלכות אונ דר מלכות זאגט ער ווערט זיך

בפראבטין אונ מארגין ועט ער זאגין איין השובה ועמעס געלט דס איז . פר נאכט גייט דר מלכות זיך שפאצירען אין זיין ויין גארטין אונ לעבין ויין גארטין איז געוועזן איין גרוסר פלאץ פלעגין זיך דארטין שפילין דיא קינדר פון דר שטאט דער וייל זערט דר מלכות אז פיל קינדער יודישע זיצען אוף דעם פלאץ אונ שפילען זיך . זאגין זיי לאמיר מאכין איינעם פר איין רב אונ מיט וועלין זיך ביי אים לאדען בלייבט אזו אונ זיי מאכין דעם גנו׳ אריה פר איין רב אונ דארט איז געוועזן איין גרוסער שטיין אזו זעצן זיי אים אנידער אויף דעם שטיין כדי מען זאל וויסין אז ער איז דר רב דען אלי שטייען פר אים אונ ער זיצט אין דער הייך אוף דעם שטיין אזו ווי איין רב אונ צווי יונגליך גייען צו צו אים אונ זאגין צו אים רבי מיר האבין צווישען זיך איין דין תורה . אונ זיי מאכין זיך ווי איינער איז דר יהודי ווס מען הט אוף אים איין בלבול גימאכט אז ער הט דס געלט אוועק גיגנבעט אונ דר אנדערער ווערט איין דייטש ווס ער מאכט דעם בלבול אויף דעם יהודי אונ זיי טענין פר דעם רב דס איז דר גור אריה די איינעני טענות וואס דער יהודי מיט דעם דייטש האבין גיטענית אין דער פאליציי דען מחמת דר יהודי איז געוועזן איין איש חשוב אונ מען הט גימאכט אויף אים איין בלבול אונ אוך עס איז געוועזן פיל געלט דרום הט דס גידאט איין שם אוף דער גאנצער שטאט אז אפילו קינדער האבין שוין גיוויסט פון די טענות . אונ זיי טענען זייער שטארק פאר דעם גור אריה אונ ער הערט אוים אלע טענות אזוי פרעגט ער דעם דייטש מיט ווס האנדילסטע זאגט ער מיט חזיר אונ מיט אייל אונ בוימעל מיט פעטי זאכין דער נאך פרעגט ער דעם יהודי מיט ווס האנדילסט דו זאגט ער מיט כשרי זאכין אונ טרוקענע דס איז צוקער אונ נאך מינים פון אפטייקעדייא אזו זאגט דער גור אריה צו די שמשים פון דעם בית דין דען עטליכע האבין זיך גימאכט ווי זיי זענין שמשים פון בית דין זאגט ער צו זיי איר

זאלט אויף זידין איין קעסילע און מען זאל דס געלט אריין ווארפין אין דעם הייסין קעסילע וועט מען זעהן אויב עס וועט ווערין אויבין אויף דעם וואסער פעט וועט מען וויסן אז דס געלט איז פון דעם דייטש דען מסתמא אז ער פארעט זיך שטענדיג מיט פעטי זאכין און האלט מיט די הענט דס געלט חאפט דס געלט אין זיך אריין פעטקייט. און אויב עס וועט ניט ווערין פעט איז דס געלט פון דעם יהודי. און דר מלך האט דס אלין גיהערט אזו באלד פרעגט ער ווער איז דס יונגיל וואס מען האט אים גימאכט פר איין רב האט מען אים גיזאגט אז דס איז דר גור אריה ער איז אגרויסער למדן און איין גרויסער חכם און ער וואקסט איין נעטליכער מאן אזוי האט דער מלכות אים גישיקט רופין און קישט אים און זאגט אים דו האסט אין זיך חכמת שלמה און פון דעם מאל אן איז דער גור אריה גיווארין איין חשוב בייא דעם מלך. בקיצור דער מלך איז גיגאנגען אהיים און אויף מארגין שיקט ער רופין דעם יהודי מיט דעם דייטש און פרעגט דעם דייטש מיט וואס האנדלסטו אין קלייט זאגט ער מיט טריפות חיות מיט חזיר און מיט בומיל און נאך פעטע זאכין אזו פרעגט ער דעם יהודי מיט וואס האנדילסטו זאגט ער מיט כשרי זאכין און מיט טרוקענע היינו צוקער און אנדר אפטייקערי און נאך פיל סחורות טרוקענע. אזו שאפט דר מלך אז מען זאל אויף זידין אין קעסילע מיט וואסער און אריין טאן אהין דאס געלט צוא זעהן אויב די וואסער וועט ווערין פון אויבין פעט דען דאס געלט אויב עס איז פון דעם דייטש בדארף דס זיין פעט ווייל ער האלט דס געלט תמיד מיט פעטע הענט אבער מען האט אויף גיזאטין וואסיר און מען האט אריין גיטאן דאס געלט און עס איז ניט גיווארין אויבין פעט אזוי באלד הייסט דער מלך דס געלט אפ געבין דעם יהודי און דעם דייטש הייסט ער שטראפין מיט גרויסע יסורים און זאגט צו אים דו האסט אומזיסט גימאכט איין בלבול אויף איין מענטשין

אונ האסט אים גיוואלט אום ברענגן דען איין גנב דארף מען הענגען ווארום האט ער אים גיהייסין שטראפין מיט יסורים ביז ער האט זיך מודה גיוועזן אז ער האט גיזעהן דורך איין שפארע פון זיין קלייט ווי דר יהודי ציילט דס געלט האט אים אן גיחאפט איין גרויסע תאוה צו דעם געלט . אזו האט דר מלך אים גיהייסין הענגין אונ וויפיל געלט ער האט גיוואלט ביי דעם יהודי נעמין האט דער מלך גיהייסין אז מען זאל דעם יהודי געבין פון דעם דייטש נומם דען ער האט אים גיצאלט מדה כנגד מדה אונ אלע ווס האבין גיזעהן די חכמה פון דעם מלך אונ זיין משפט האבין זיי אים אלע זייער גידאנקט אונ האבין גיזאגט צו אים יחי המלך לעולם דען פון היינט אונ ווייטר וועט שוין איינער ניט מאבין איין בלבול אויף דעם אנדערין מיט פאלשקייט אונ גילויבט איז השי"ת ווס דר אמת קומט ארויס דר יהודי איז דא ניצול גיווארין פון דעם טויט אונ ער האט נאך פר דינט פיל געלט . השי"ת זאל אונז העלפין אז מיר זאלין זיך פירין נאר מיט אמת:

## מעשה

**דא ווערט דער ציילט איין וואנדערליכע היסטאריע פון דעם נגיד אריה ווס ער איז גיוועזן איין יועץ ביי דעם מלכות:**

דר רב רבי ליווא ברבי בצלאל דל וואס ער ווערט גירופען נגיד אריה איז ער גיוועזן איין קרוב למלכות היינו ער איז בייא דעם מלך פון פראג זייער חשוב גיוועזן אונ ער איז גיוועזן איין יועץ ביי דעם מלך ער פלעגט בדארפין זיין ביי דעם מלך אלע טאג אונ דר מלך פלעגט זיך מיט אים דורך גיין אלע טאג שפאצירען אונ דר מלך האט אים גיהאלטין פאר איין גרויסין חכם אונ פאר איין אדעליכע מאן ער פלעגט אים רופין ליבל . אונ מעשה איז אמ

דער מלך זייער גוט גיוועזן אויף יהודים ער האט זיי זייער ליב
גיהאט צוא ליב דעם גר אריה זיין ליב פריינד . אונ ער פלעגט
תמיד אריין גיין צום מלך אן רשות נאר ווען ער האט גיוואלט דען
אזו האט דר מלך אן גיזאגט זיינע שומרים . אמאל איז דר גר
אריה גיקומען צום מלך ביי טאג ער האט נאר וואס אפ גיגעסין
זעהט ער וויא דער מלך איז זייער טרויעריג פרעגט אים דר גר
אריה אדוני מלך וואס ביסט דו אזוי טרויעריג . זאגט דער מלך איך
וועל דיר דער ציילין דעם גאנצין אמת . מיין מיניסטעריע האבין מיר
אריין גישיקט פאפירען אז איך זאל זיך חתמינען אונ דארט איז
דא זייער שלעכטע גזירות אויף דיינע יהודים . זאגט דער גר אריה
צום מלך האסט דוא זייא שוין גיחתמעט זאגט דער מלך ניין נאר
איך מוז זייא שוין חתמנען דען איך האב שוין איין צייט צוא טאן
מיט זייא וועגין יהודים זייא ווילען יהודים ארויס טרייבין פון דר
מדינה אונ איך דער לאז ניט אונ האב מיט זייא ויכוחים וועגין
יהודים אבער זייא האבין מיט מיר אזו פיל איין גיטעניט אז איך
האב זייא שוין גיזאגט אז איך זאל חתמינען די גזירות רעות אויף די
יהודים ניט ארויס טרייבין נאר אזו שלעכטע גזירות . פרעגט דער
גר אריה וויא ליגען די פאפירען זאגט דער מלך זיי ליגין פאר
חתמית מיט מיין חתימה ביי מיר אין שאפקילע אונ דער גר אריה
בעט זייער דעם מלכות ער זאל צו רייסין דיא פאפירין אבער דער
מלכות זאגט עס קען ניט זיין איך האב זייא שוין צוא גיזאגט אונ דער
גר אריה רעט מיט אים איין סך איין דריגען ביז דער מלכות ווערט
זייער טרויעריג . אונ זאגט צום גר אריה לאמיר זיך גיין אביסל
שפאצירין אין שפאציר גארטין . אונ זייא גייען ביידע זיך שפאצירין
אונ רעדין אויף דעם וועג אלץ דער פון . אונ דער מלך ווערט זייער
מיד אזו זאגט ער צום גר אריה לאמיר זיך אביסעל צוא זעצין . זיי
זעצין זיך אנידער אבער דער מלכות איז מיד אונ ווערט אנטשלאפין
אונ זאגט פריער צום גר אריה איך וועל מיך אביסעל צוא לייגען
שלאפין האר דא ביז איך וועל אויף שטיין . אזוי הט זיך דער גר
אריה אנידער גיזעצט אונ דער מלכות איז אנשלאפין גיווארין אונ דער
גר אריה זיצט לעבין אים . אזוי חלומט זיך אים אזוי . אז אקליינער
מלך פון איין קליינע מדינה וואס ער איז תמיד אונטער זיין מלוכה
אונ צאלט אים מס האט אין אים מורד גיוועזן אונ וויל אים שוין
קיין מס ניט צאלין . אונ עס איז אים אן גיקומען איין בריף פון יענעם

מלכות

מלכות און ער שרייבט אים זייא וויסן אז איך וועל דיר שוין קיין
מאל ניט צאלין דען ביז אהער האב איך פאר דיר מורא געהאט אבער
איינט בין איך זייער שטארק און האב פאר דיר קיין שום מורא ניט
און אויב דוא ווילסט מיט מיר מלחמה האלטין טענקט דוא קומען
זיך האב פאר דיר קיין מורא ניט אז דער מלכות האט דער
זעהן דעם בריב . איז ער זייער ברוגז געווארין אויף דעם קליינעם
מלכות . און שאפט באלד צוא איין שר אז ער זאל נעמין צווייא
טויזענט מאן חיל און זאל גיין צוא אים און זאל אים איין ברעכין
זיינע קרעפעסטין און זאל אים שטארק דער שרעקין כדי ער זאל
שוין ווייטער אזעלכעס ניט זאגין און זאל וויסין אז ער דארף יוא
פאר אים מורא האבין אזו וועט ער זיך שוין מכניע זיין צוא אים און
זעט אים שוין תמיד צאלין מס . און דער שר טוהט אזוי און גייט
אהין מיט דעם חיל אבער דער מלכות איז זיך אויף אים גובר און
הארגיט אויס דאס חיל און דער גענעראל מיט עטליכע מאנין זענין
אנטלאפין געווארין מיט גרויס בושה און קומט צום מלכות און דער
צייליט אים די גאנצע מלחמה און זאגט אים אז זיין האנט איז היינט
זייער שטארק און ער האט אים אויס געהרגיט זיין גאנץ חיל און ער
איז אנטלאפין אזו ווערט דער מלך זייער ברוגז און זאגט צו אים
נעם צעהן טויזענט מאן חיל און זאלסט אויף אים אן רייטין אגרויסע
מלחמה און זאלסט זיך נוקם זיין אין אים . און אין דיא גאנצער
מדינה . דיא מאנצבילין זאלסטו אויס הרגינען און דיא ווייבער מיט
דיא קליינע קינדער זאלסטו פיינגען אין תפיסה און דעם מלכות
זאלסטו ברענגען צוא מיר לעבעדיג אזוא גייט דער גענעראל אוועק
מיט דעם גאנצין חיל און עס געדויערט צווייא יאר און האלט דארט
גרויסע מלחמות און עס קומט אים אן איין בריב פון דעם גענעראל
און עס שטייט דארט אזוי אדוני מלך זייא וויסן אז איך מיט דעם
גאנצין חיל זענין מיר געקומען צוא דער מדינה און האבין מלחמה
געהאלטין אויף דעם מלך מיט גרויס שטארקייט אבער דער מלך מיט
זיין חיל האבין זיך אויף אונז געשטארקט און מען האט ביא אונז
אסך חיל אויס געהרגעט און אסך זענען פאר הונגער אויס געשטארבן
דען ער לאזט אונז ניט צוא קיין עסין . און ער שטארקט זיך אויף
אונז אלע מאל שטארקער איך האב שוין גאר ווינציג חיל , דרום
איז מיין עצה אז דוא אליין זאלסט צום גוף נעמין דיין גאנצן
דוא זאלסט אליין גיין מיט זייא דען ער איז היינט זייער

שטארק אונ אז דוא וועסט דא אליין זיין וועסטו מיר אדרשט גלייבן. דען דוא ביסט מיך חושד אז איך בין דיר ניט געטרייא. גלייב מיר אז איך טוא די מלחמה זייער געטרייא גאר ער איז זייער שטארק אז ער לייענט איבער דיא בריב פאר דריקט עס אים זייער דען גינג ער האט איז אים מורד גיוועזן אונ גיט אים ניט קיין מס האט ער נאך בייא אים אזוי פיל חיל אויס גיהרגעט. אונ דער מלך נעמט צום הויף דאס גאנצע חיל אונ גייט אויף אים מיט גרויס כעס אונ זאגט איך וועל ניט לאזן אין דער גאנצר מדינה קיין שריד ופליט אונ אלע זיינע שטעט וועל איך פאר ברענין אונ זיין מדינה זאל גאר ניט גידאכט ווערין אויף דער וועלט מען וועט גאר ניט וויסין אז עס איז גיוועזן אמאל אזוא איין מדינה. אונ דער מלך גייט מיט דעם גאנצין חיל צוא זיין מדינה מיט גרויס כעס אונ אז ער איז צוא גיקומען צו דער מדינה רעכט ער אן אגרויסע מלחמה מיט יענים מלכות אונ דיא מלחמה גידויערט צווייא יאהר. אונ יענער מלכות איז זיך אום אים מתגבר בין ער האט בייא אים אויס גיהרגעט פיל חיל אונ האט דעם מלך פון פראג אליין גיכאפט לעבדיגער הייט אין קלען אזו האט ער איהם גיבראכט אין זיין שטאט אריין אונ האט איהם אריין גיזעצט אין איין ענגע דירה דהיינו ער האט זיך ניט גיקענט לייגין אונ זעצין נאר שטיין אונ אויבין איז גיוועזן איין קליין פענצטעריל וואס דורך דארט האט מען אים אריין דער לאנגט ברויט מיט וואסער אונ ער איז דארט גיזעסין עלף יאהר. אמאהל קוקט ער ארויס דורך דעם פענצטעריל אויף דער גאס דר זעהט ער גיין דעם גר אריה אזוי מוט ער איין גרויסין גישריי אזוי לייביל באמטעווע מיך אונ ציהט מיך אויס פון דאנין. דען פרעגט מיר אמאהל שטיין אין מיינע נויטין אונ היינט בין איך שוין דא עלף יאהר איך בין שווארץ אונ מאגיר אונ מיינע האר מיט מיינע נעגיל זענין גרויס. אזוי איז דער גר אריה צוא גיגאנגען צוא אים אונ זאגט אים וואס וועט זיין אז איך וועל דיך פון דאנען ארויס נעמין. אונ וועל דיך ברענגען אהיים אונ וועל דיך זעצין אויף דיין שטול אונ דוא וועסט ווייטער זיין איין מלכות אזוי זאגט דער מלך מיט איין גילעכטער. דוא זאגסט אזוי איין זאך וואס איך פאר לאנג דאס גאר ניט. דען איך באגער מעהר גיט אז דוא זאלסט מיך פון דר תפיסה ארויס נעמין אונ מיך ברענגין אהיים. אזוי וועל איך בייא דיר זיין איין קנעכט אבי איך זאל ניט זיצין אין דער פינצטערער תפיסה. זאגט דער גר אריה צוא אים אז איך וועל דיך

[illegible]

ארויס נעמען פון דאנען ווערסטו צו רייסין דיא פאפירען מיט זיא
שלעכטע גזירות וואס דו האסט גימאכט אויף יהודים בשעת דוא
ביסט גיוועזן מלכות זאגט דער מלך צוא אים דוא חכם זאגסט אזעלכע
נארישקייט דען איך בין שוין דא וויפיל יאהר . וויא זענין שוין דיא
גזירות דען עס איז שוין בוודאי דא אין פראג איין אנדער מלכות
אונ ווידער אז דוא ווערסט מיך ארויס נעמין פון דאנען זייא דוא
מלכות . אונ איך וועל זיין ביי דיר איין קנעכט . אונ נעם מיך
ארויס פון דער תפיסה . זאגט דער גור אריה צו אים זיי וויסין
אז דאס אלץ וואס איך זאג דיר איז דאס בוודאי אמת איך וועל
דיך פון דאנען ארוס נעמן אונ וועל דיך ברענגן אהיים אונ וועל
דיך זעצין אויף דיין כסא מלוכה אונ דוא ווערסט זיין ווייטער איין
מלך נאר גידענקסט דוא אז דוא האסט גיחתמעט גזירות רעות אויף
דיא יהודים האב איך דיך גבעטין אז דוא זאלסט צו רייסין די פאפירען
האסטו גיזאגט אז דוא קענסט נים . אונ זייא ליגען ביא דיר אין
שאפקילע פאר חתמעט מיט דיין חתימה . היינט אוב דוא ווילסט
גיב מיר דיין חתימה וועל איך אהין גיין צוא דיר אין חדר אונ וועל
אוף רייסען דיא חתימת אונ וועל ארוס נעמן דיא פאפירען אונ
וועל זיא צוא רייסן אונ איך וועל צוא ריק פאר חתמינען מיט דיין
חתימה אזוי האט דער מלך ארויס גינומען דיא חתימה דען ער
האט זיא ביא זיך גיהאט אונ האט זיא גיגעבן צום גור אריה
אונ דער גור אריה איז אהין גינאנגען צוא אים אין זיין חדר אונ
האט אויף גיריסען זיין חתימה פון דעם שאפקעלע אונ האט ארוס
גינומען אלע פאפירען אונ האט זייא צוא ריסען אונ האט צוא ריק
פאר חתמעט מיט זיין חתימה . אונ האטשע דיא גאנצע זאך איז
זיך גיוועזן נאר איין חלום ביא דעם מלך אבער דיא חתימה האט
ער אים טאקע גיגעבין אין מיטען שלאף דען דער גור אריה האט
טאקע ארוס גינומען דיא פאפירען אונ האט זייא טאקע צוא ריסען
דיא פאפירען אונ האט צוריק פאר חתמעט דיא קעסטילע . אונ
דער גור אריה קומט צוריק צוא אים אין זיין ווין גאדטן . אונ דר
מלך שלאפט נאך . אזוי גיט ער אים אפ צוריק זיין חתימה אונ
דער מלך נעמט זיא ביא אים אונ לייגט אהיין צו זיך אין קעשענע
אונ עס ווייזט זיך אוס דעם מלך אז דער גור אריה נעמט אים ארוס
פון דער תפיסה דורך דעם פענצטערל אונ ברענגט אים אין זיין ווין

פֿרעגן אַרין . אַז דער מלך האָט דאָך אױף זיך אַרױסגעשיקט
אַז ער װעט אַז ער זאָגט אין זײן טרױם געזען און פֿאַלט ער דעם
גר אריה אױף זײן האַלז און קושט אים און זאָגט צו אים איך
דאַנק דיר זײער פֿיל דען דו האָסט מיך אױס גיצױגן פֿון אַ
אײן בּיטערע תּקופֿה און אַז אײן ליכטיגע אָרט אַרײן . און הײנט
אָב דו װילסט זײא דו מלך . און איך װעל זײן בּײ דיר אײן
קנעכט . אַז זאָגט דער גר אריה צו אים אדוני מלך בּטראַכט דאָך
װיא דו בּיסט געװען די גרעסטע אין װאָס פֿאַר אײן שעה מיר זענען
גרױס גיגאַנגען זיך שפּאַצירען . זאָגט דער מלך יאָ איך גידענק עס
איז אָבער אין דעם פֿיל יאָר זאָגט דר גר אריה נײן עס איז געװען
הײנטיגער טאָג . אַז זעהט דר מלך אױף דעם זײגער איז דאָ דורינען
אײן שעה אַז ער שטײט שון דר מלך [illegible] איז געװען אײן חלום .
אַז זאָגט דער מלך צו אים װאָס צו דיר [illegible] . און הײנט זעה איך
אַז איך האָב גוט געטאָן װאָס איך האָב ניט גיחתמ׳ט די גזירות רעות
אױף די יהודים און איך זעה אַז יהודים זענען זײער ערליך און
דאָס איז נאָר קנאה דרום װעל איך שױן פֿון הײנט און װײטער ניט אַן
נעמען קײן מסירת אױף די יהודים דען איך זעה אַז מײנע יועצים
פֿײנען עס ניט מרחמת זײן גמרײא שאַפֿט נאָר װעגען גרױס שנאת
װאָס זײא האָבען אױף פֿײנט דרום רעדען זײא מיך אָן צו אַזעלכע
שלעכטע זאַכען און גילױבּט איז גאָט װאָס ער האָט מיך מציל געװען
פֿון דיא שלעכטע גזירות . און דער גר אריה איז געװאָרן בּײא דעם
מלך נאָך פֿיל חשובֿער פֿון פֿריער און אַלע עצות פֿלעגט ער פֿרעגען
בּײא אים . ער האָט אים ליב גיהאַט װיא דאָס לעבען . און ער פֿלעגט
קײן זאַך ניט טאָן אָן זײן װיסען . װיא ער פֿלעגט אים הײסען טאָן .
אַזױ האָט ער גיטאָן . און עס פֿלעגט אים זײן זײער װױל .

## מעשה

דער גר אריה איז געװען אַ גרױסער חשוב בּײא דעם מלך פֿון
פּראַג . און ער איז געװען בּײא אים אײן יועץ . און בּײ דעם מלך
איז געװען אײן מיניסטער װאָס ער האָט גיהאַט גרױס קנאה אין דעם
גר אריה מחמת זײן חשיבֿות װאָס ער האָט געװען חשובֿער פֿון

אים

אים . ווייל דער חסיד האט שוין פון דעם גר אריה פאר
דעם מלך . אבער דער מלך האט אים קיין מאהל ניט צו גיהערט דען
ער האט געוואוסט אז דאס איז נאר פון קנאה און דער גר אריה
איז אלע מאל חשובר געווארין ביי דעם מלך אז גלייך ער האט ניט
געקענט זיין איין טאג אן אים . דען ער האט גיזעהן אז ער איז א גרויסער
צדיק און איין ערליכער מאן און איז אים זייער געטריי . אמאל האט
דער מיניסטער געזאגט צום מלך פר וואס אלע דיינע יועצים און שרים
בעטין דיך אמאל צו זיך אויף א באל . און דער גר אריה דיין געטרייער
יועץ בעט דיך קיין מאל ניט צו זיך אויף קיין באל . דרום זאג אים
אז ער זאל דיך מיט אונז אלע בעטין צו זיך אויף איין באל דען דער
מיניסטער האט געוואוסט אז דער גר אריה איז איין אריםמאן ער קאן
מאכין ניט צוא בעטין דעם מלך צו זיך אויף קיין באל און איבער
דעם וועט ער ביי דעם מלך ארויס פאלין . אז ער וועט דעם מלך
נישט זאגין פון זיין בקשה . און אז דער גר אריה איז געקומען צום
מלך זאגט אים דר מלך פר וואס בעטסט דו אונז ניט קיין מאל ניט צוא
זיך אויף קיין באל דוא ביסט דאך אויך פון מיינע שרי מלוכה דרום
וויל איך אז דו זאלסט מיך מיט מיינע שרי מלוכה בעטין צו זיך אויף
איין באל . זאגט דר גר אריה דו האסט רעכט גיזאגט גיב מיר צייט
אויף איין חודש וועל איך מאכין פון אייערט וועגן א גרויסען באל מיט
אלע פערגעניגען אז קיין שום שר האט נאך אזו איין באל ניט געמאכט
פון דייטש וועגין האט דער מלך גיזאגט איך גיב דיר צייט אויף איין
חודש נאר איך זאל ניט מבויש ווערין פון דיר און דיא שרי מלוכה
זאלין אין דיר קיין נקמה ניט האבין . און דער מלך האט דאס דער ציילט
פאר דעם מיניסטער וואס ער איז געוועזן דער שונא פון דעם גר אריה
אז דער גר אריה האט גיזאגט אז ער וועט מאכין פאר אים און פאר
אלע שרי מלוכה איין גרויסן באל אזו האט דער מיניסטער זייער געלאכט
און זאגט צום מלך ער לאכט פון דיר דען וויא קאן ער צוא
מאכין פון דיינט וועגין איין סעודה ער איז איין גימיינער מאן ער
איז דא איין רב ער נעמט וואך געלט ער איז ניט קיין עושר און ניט
קיין סוחר זאגט דער מלך דוא ווייסט זעהן אז ער וועט בוודאי מקיים
זיין דען ער זאגט ניט קיין ליגען אבער דער מיניסטער גלייבט עס
ניט און זאגט עס קען ניט זיין ער שיקט אלע טאג גיוואר ווערן
צום גר אריה צו זעהן אויב ער רעכט זיך אויף דר סעודה אבער ער
איז שטענדיג און לערינט מיט דער ישיבה אזו ה'- ער ערזוס האט

דער פון בין עס איז שון געקומען דער לעצטער טאג פון דעם באל
אזו שיקט דער מיניסטער ווידער געוואר ווערין טאמער וויל ער זיך אבער
מען זאגט אים אז דער גר אריה זיצט און לערינט ער האט נאך ניט
אין זין קיין סעודה צו מאכין און ער האט גאר ניט קיין דירה פון דעם
מלך וועלין . אזו פרייעט זיך דער מיניסטער זייער . און אז עס איז
געקומען דיא צייט וואס מען בדארף שון באלד עסין אזו קומט דער
גר אריה צום מלך און בעט אים אז ער מיט אלע זיינע שרי מלוכה
זאלין שוין גיין אויף דעם באל אזו פאר וואונדערט זיך דער מלך זייער
דען דער מיניסטער האט אים געזאגט אז ער האט אלע טאג געשיקט
זיך געוואר ווערין צוא ער ריכט זיך האט מען אים געזאגט אז ער זיצט
שטענדיג און לערינט און הייבט זיך ניט אן צוא ריכטען פון דעסט
וועגין גייט דער מלך באלד און ער רופט מיט זיך אלע שרי מלוכה
דען דער מלך ווייסט קלאר אז דר גר אריה איז איין געטליכער מאן
דרום איז אים קיין חידוש ניט וואס ער האט זיך ניט געריכט דען עס
איז בוודאי אמת דען דער גר אריה איז איין איש אמת ער
האט שון כמה מאל אויס גיפרובט אז ער איז איין איש אמת . דרום
איז דער מלך זייער פריילך דען ער ווייס קלאר אז ער וועט ניט מבויש
ווערין . און דער מלך מיט אלע שרי מלוכה גייען מיט דעם גר אריה .
און דער מיניסטער שיקט נאך אמאל געוואר ווערין אויב דער באל איז
שוין פארטיג צוא גיין אבער מען זאגט אים אז דער גר אריה זיצט
אין איין קליין שטיבעל ער ריכט ניט זיך אויף קיין באל אזוי איז דער
מיניסטער זייער פריילך אבער דער גר אריה פירט זיי צוא צום טייך
פון פראג דען דארט איז זייער איין גוטער לופט אזו זעהן זיא אז עס
שטייט איין גרויסער פאלאץ איין טייערער און ער פירט זיא אריין אין
פאלאץ זעהן זייא אז דארט איז גיגרייט דיא טישין מיט אלערליי כלים
פון זילבער און גאלד און דימינטן און עס איז דארט דא פיל קנעכט
משמש צוא זיין אויף דר סעודה און צו באדינען דעם מלך מיט אלע
שרי מלוכה אזו פאר וואונדערט זיך דער מלך זייער אויף דעם שיינקייט
פון דעם פאלאץ מיט דיא טייערע כלים מיט די פיל קנעכט דען דאס
געהערט גאר צו איין מלך אז ער זאל מאכין אזו איין באל און דער
מלך זאגט גאר ניט און זעצט זיך צום טיש און אויך אלע זיינע
שרים די גרעסטע און ער לייגט פר דעם מלך איין טעלער מיט איין
גאפיל מיט איין ל פיל מיט איין זאלץ מעסטיל פון דימענטין אזו פר
וואונדערט זיך דר מלך אויף דעם זאלץ מעסטיל טאקי ווי אויף אלע

לים דען אזו אין כלי האט ער ניט אין זיינע אוצרות אונ דער גר אריה גייט צוא אונ זאגט צו זיא איך בעט אייך זייער אז איר זאלט פון דאנען ניט נעמען קיין שום כלי . נייערט ניצין מעגט איר מיט זיא אונ ניט נעמין . אונ די סעודה איז גוועזן א טייערע סעודה מיט פילפייערע וויינען אונ מיט פיל גיריכטין אונ פיל פרוכטין אונ מיט אלע פר געניגן . נאך דער סעודה האט ער זיא ארין גיפירט אין איין טייערין גארטין זיך שפאצירען אונ אין גארטין איז דא פיל טייערע פרוכט וואס זענין אין דער מדינה גאר ניט שכיח זיא קענין זיך גאר ניט פאר חידושין אויף דיא אלע זאכין דען דאס איז איין קיניגליכער באל . דער נאך דעם האבן זיך אלע מיט דעם גר אריה גיזעגינט אונ גייען אוועק . אבער דער מעניסטער קען ניט אוועק גיין . דען וויא ער איז גיקומען צוא דר טיר קען ער זיך ניט רירען פון זיין ארט אזו פאר ווינדרן זיך אלע דרוף אונ מען איז דאס מודיע דעם מלך אזו גייט דער מלך ארין אן צוא קוקין דעם חידוש זעהט ער וויא ער שטייט אונ קען זיך ניט רירען . זאגט דער מלך צו אים בעט דעם גר אריה ועסטו קאנען ארויס גיין דען דאס איז בוודאי מיט זיין ווילען אזו בעט דער מיניסטער דעם גר אריה אזו זאגט דער גר אריה צוא דעם מלך ער וועט טאקע פון דאנען ניט אוועק גיין דען איך האב אן גזאגט אז קיינער זאל ניט נעמין פון דעם טיש קיין כלי אונ ער האט צוא גנומען דאס זאלץ מעסטיל דרום קען ער ניט ארויס גיין . דען פון דאנען האט קיינער קיין רשות ניט נאר דער מלך אז ער וועט אנטלייען עפיס אויף איין צייט אונ אין איין צייט ארום זאל ער דאס אפ געבין וועל איך אים אנטלייען אבער קיינם ניט . דער מיניסטער האט זיך גיסומט מודה זיין אז ער האט דאס זאלץ מעסטיל גינומין דען ער האט זינט ער לעבט ניט גזעהן אזו איין טייערע שיינע כלי אונ האט אפ גגעבן דאס זאלץ מעסטיל צוא די הענט פון דעם גר אריה אזו איז ער שון ארויס גגאנגען אונ דער מלך בעט דעם גר אריה אז ער זאל עם אים אנטלייען אויף איין קליינער צייט כדי ער זאל זיך מאכן אזעלכעם אונ דער מלך זאגט צום גר אריה טאמר איז גימאלט דו זאלסט עם מער פאר קופין . איך וועל דיר געבן דער פאר וויפל דוא ווילסט . זאגט דער גר אריה דאס קען ניט זיין . דען איך האב עם אנטליען נאר געם עם ביז מען וועט עם מאכן וועסטו דוא עם אפ געבן . אונ דער מלך פריעט זיך זייער מיט דער כלי דען

ער וועט שון אויך מאכן אנעקם. אונ דער מלך מיט אלע שרי מלוכה גייען אוועק צייער פרייליך. אויף דעם וועג זאגט דער מלך צוא דעם מיניסטער וואס ער איז געוועזן איין שונא דעם גר אריה אונ פלעגט תמיד רעדן שלעכטץ אויף דעם גר אריה פאר דעם מלך אונ זאגן אז דער גר אריה איז איין שונא צום מלך אונ איז איין פארשעהר מענטש. זאגט דער מלך צוא אים היינט זעה איך אז דוא ביסט מיר איין שונא דען איך זעה זיך. אונ אויך אלע שרי מלוכה. אז דער גר אריה איז מיין בעסטער פריינט אונ דיא ווילסט זיך תמיד אין אים נוקם זיין. אונ ווילסט מען זאל אים הרגנן איז זיך איין סימן אז דוא ביסט מיר איין שונא דען אז דוא ביסט זיך נוקם אין מיין גוטען פריינד איז גלייך וויא דוא ביסט זיך נוקם אין מיר. דרום פון היינט אונ ווייטער זאלסטו ניט זעהן מיין פנים. אונ דעם מלך איז אלץ געוועזן איין חידוש אויף דעם באר וויא האט דאס דער גר אריה גנומן. דען אזו איין באל קער צוא איין מלוכה. אבער אין עטליכע וואכן ארום איז גיגאנגען גזעסן אז איין מלך פון רשר אונ דער מדינה האט זיך גירעכט אויף איין גרויסן באל. אונ האט שון אלץ אן גגרייט פון וועגן גרויסע מלכים. אונ פלוצלונג איז דער הויף מיט די קנעכט מיט אלע כלים אונ מיט אלע מאכלים אונ משקאות פאר פאלין גווארן מען ווייסט ניט עד היום וויא ער איז געוועזן. אונ אין עטליכע טאג ארום איז דער פאליץ מיט דיא כלים מיט דיא קנעכט מיט דעם טייערן גארטן אן גקומען נאר קיין משקאות איז שון נישט גיוועזן נאר דיא אלע זאכן האט דעם מלך ניט אזוי וויא איין זאלץ מעסטיל איין טייערס פון איין דימענט איז פאר פאלין גווארן דאס טוהט אים באנק מער פון אלע זאכן. דרום מאמר האט אימעצר גיהערט דער פון זאל ער מודיע זיין דען גינוג ער האט גיהאט אזוי איין ביוש פאר דיא מלכים וואס ער האט זייא אלע פאר בעטין צוא זיך אויף איין באל. אונ אז זייא זענען גקומען איז דער פאליץ ניט גיבלבען אונ אלע מאכלים וואס עס האט גקאסט אזוי פיל געלט וואס עס האט גאר קיין שיעור ניט. פון דעסט וועגן טוט אים אזוי ניט באנק וויא דאס זאלץ מעסטיל. ווארום אזוי איין טייערע כלי איז ניט שכיח. אזוי האט דער מלך אס דער צייט דעם גר אריה האט דער גר אריה אים נהייסן שיקען דאס זאלץ מעסטיל צו יענים מלך אונ האט אים גשרבן

די גאנצע מעשה פון דעם גר אריה, ער איז איין ישר'. אונ ער איז בייא אים איין יועץ אונ ער איז איין ערליכער מאן אונ איין איש אמת. ער האט איבער געטראגן דעם גאנצן פאלץ אויף דעם באל וואס ער האט צוא גיזאגט מאכן צום מלך מיט זיינע שרי מלוכה אונ ער האט זייא מאכע אן גיזאגט אז זייא זאלן נים נעמן קיין שום כלי. דען ער האט גיזאגט אז די אלע זאכן האט ער אנטלייען ער באדארף זייא צוא שטעלן אלע נאר ער האט אקשע אנטליען דאס זאלץ פעסטייל כדי ער זאל גיוואר ווערן ווער פאליץ מיט דיא כלים זענן דען ער האט גיוויסט אז קיין יוד נים לאזן פארפאלין ווערין דאס זאלץ עססייל. אונ פון דער צייט אן איז דער גר אריה נאך גיווארין בייא דעם מלך פיל חשובער וויא פריער

---

# דא ווערט דער צילם זייער איין שיינע וואונדערליכע געשיכטע

# פון איין גרויסן עושר. וויא ער האט גיהאט אויף זיך איין גרויסן בלבול. אונ ער איז גיזעסן אין תפיסה. אונ מען האט אן גיזאגט צו הרב גור אריה דער רב פון פראג. אז עס איז פאר האנדין איין מענטש. וואס ער קאן דעם עושר העלפין פון דעם בלבול. אונ דער גור אריה איז גיפארין צוא אים. אונ יענער האט אים גיהאלפין פון דעם בלבול אונ די מענטשין וואס האבין גימאכט דעם בלבול האט מען זיי גיהאנגן:

אין דעם יאהר שכ"ט איז גיוועזן אין פראג איין גרויסער עושר ער איז גיוועזן זייער איין פרומער ער פלעגט אליין נים האנדלין נאר זיין וייב פלעגט האנדלין אונ ער פלעגט זיצן אונ לערנין אונ דר עושר האט גיהאט איין בן יחיד זייער איין טייערער מענש ער פלעגט אויך שטענדיג זיצן אונ לערנין. אונ איז אויך זייער פרום גיוועזן אונ דער עושר האט זיך אזוי געפירט כל ימיו. ער פלעגט זיצן אונ לערנין אונ זיין וייב פלעגט האנדלין אונ האט גיהאט דער צוא פיל מענטשין אונ ער האט זיך נים גימישט אין קיין שום משא ומתן אונ אז עס איז גיקומען דיא צייט אז ער האט גידארפט שטארבין האט ער צו גירופען זיין טייערין בן יחיד אונ זאגט צוא אים מיין זוהן איך לאז דיר איבער פיל געלט נאר איך זאג דיר אז אז דוא זאלסט זיך פירען אזוי וויא איך האב מיך גיפירט. היינו דוא

sig 23

GOLDSTEIN EL HADORIM 23 SIG

זאלסט זיצן שטענדיג אונ לערנין אונ דוא זאלסט זיך ניט מישען
צוא קיין שום משא ומתן נאר דיין ווייב זאל האנדלין אונ זיא זאל
האלטין דער צו מענטשין . אונ השי"ת וועט דיר קווראי העלפין .
אונ דער בן יחיד האט אים צו גיזאגט אונ דער עושר איז גישטארבין
אונ דער זוהן האט אים גיפאלגט אונ האט שטענדיג גילערינט אונ
איז זייער פרום גיוועזן אונ זיין ווייב איז גיוועזן איין גרויסע אשת
חיל אונ האט גיפירט דאס גאנצי האנדיל . אונ השי"ת האט זיא
באגליקט אין איר האנדיל . אמאל האט איר אן גיהובין צוא גיין
אראפ . אזוי האט זיא אן גיוואוירין פיל געלט אונ דער משא ומתן
האט ניט בגליקט אזוי זאגט זיא צו אים מיין ליבער מאן ביז אהער
האסטו גיהאלטין דיין פאטרס צוואה אונ דוא האסט זיך ניט גימישט
אין קיין שום משא ומתן אבער עס איז היינט ניט אזוי וויא אמאל
דען עס גייט מיר אראפ איך האב מורא איך זאל חלילה ניט פאר
פירן קיין פרעמד געלט דרום מוסטע ברעכין דיין פאטערס צוואה .
אונ מוזט אריין קוקין אין האנדיל דאמטשע צוויי שעה אין טאג מאבר
וועט השי"ת אויף אונז רחמנות האבין אז מיר זאלין דאמטשע ניט
פאר פירן קיין פרעמד געלט . אונ ער וויל זיא זייער ניט פאלגין
נאר וויל ער האט מורא ער זאל חלילה ניט פאר פירן קיין פרעמד
געלט דרום גייט ער צוא זיין פאטער אויף דעם קבר אונ וויינט
זייער פאר אים אונ זאגט מיין ליבער פאטער איך וויל בוודאי האלטין
דיין צואה נאר וואס זאל איך טאן השי"ת האט מיך גישטראפט
אז איך האב אן גיוואוירין פיל געלט אונ איך האב מורא אז איך זאל
חלילה ניט פאר פירן קיין פרעמד געלט דרום מוז איך ברעכין
דיין צוואה אונ מוז אריין קוקין אין משא ומתן מאמיר וועט מיר
השי"ת העלפין אונ וויינט זייער אונ גייט אהיים זייער צארינדיק
בייא נאכט איז זיין פאטער אים גיקומען צוא חלום אונ זאגט מיין
ליבער זוהן . איך בין דיר מתיר אז דוא זאלסט אריין קומין אין
משא ומתן צוויא שעה אין טאג אבער ניט מער . דען ווייטער זאלסטו
זיצן אונ לערנין אונ דינען צוא השי"ת וועט דיר השי"ת העלפין
אזוי האט ער זיך אן גיהויבען צוא מישען אין משא ומתן צוויא שעה
אין טאג אונ האט איבער גיחשבינט אלע חשבונות אמאר האט ער
דער זעהן אין חשבון אז עס גייט אים זייער אראפ דען ער האט
אן גיוואוירין זייער פיל געלט אונ דער עסק איז זייער ניט גוט . אזוי
רופט ער צו זיין ווייב . אונ זאגט צוא איר מיין ליב ווייב איך

האב גיזעהן אין חשבון אז מיר האבין אן גיוואורין זייער פיל געלט
אונ מיר טוהן פאר קויפין אלע סחורות אונ אויך דיא דירות אונ די
גיוועלבין אונזערע בכדי מיר זאלין קאנין לייטין אפ געבין זייער
געלט . אונ וואס עס וועט אונז איבער בלייבען וועלין מיר ארויס
פארין אין איין קליין שטעטיל אריין דען דא קענין מיר שוין ניט
זיצען וויל מיר האבין זיך ביז אהער גיפירט זייער מיט גרויס עשירות
אונ מיט גרויס צדקה . אונ דיא הוצאה איז גיוועזען זייער גרויס דרוב
קענין מיר דא ניט מקמץ זיין די הוצאה אבער אז מיר וועלין ארויס
פארין אין אקליין שטעטיל וועלין מיר זיך דארט שטעלין דיא הוצאה
קלענער אונ מיר וועלין דארפין ניט גרויסע עשירים דען מיר וועלין
זיך אן זעהן פאר עשירים דען אין אקליין שטעטיל איז מסתמא
ניט דא קיין עשירים . אונ דארט וועלין מיר לעבין בנחת אונ מיר
וועלין קאנין טאן צדקה נאך אונזער פאר מעגין נאך . אזו זאגט זיין
ווייב צוא איהם אזוי וויא עס געפעלט דיר אזוי טוא דען זיא איז גיוועזין
איין אשה צנועה אונ האט גיטאן דעם רצון פון איהר מאן . אונ
ער האט אזוי גיטאן ער האט פאר קויפט אלע זיינע סחורות אונ האט
גימאכט דער פון געלט אונ האט אפ גיגעבין אלע בעלי חובות זייער
געלט אונ עס איז נאך איהם אויך גיבליבען פיל געלט אזוי האט ער
גידונגען פיל פירן אונ ער מיט זיין ווייב אונ קינדער זענין אוועק
גיפארין פון פראג צוא זוכין זיך אקליין שטעטיל . אזוי איז ער אויף
שבת אן גיקומען אין אקליין שטעטיל . אונ איז פאר פארין אויף
איין שטאנציע דארט שבת האלטין . ער גייט פרייטאג פאר
נאכט דאווענען אין שול אריין . וויא ער קומט אין שול אריין אזוי
זעהט ער אז אלע מענטשין זענין זייער ארום . דען זיא גייען זייער
צוריסינע מלבושים אונ פאר שמירטע . ער דער קענט אין זיא אז
זיי זענען זייער גרויסע אביונים . אז ער איז גקומען צוריק אויף דער
שטאנציע פון דער שול זאגט ער צו זיין ווייב וויא איך זעה
אויף די שטאט לייט זייער ארימקייט בדארפין מיר זיך דא באזעצין
פרעגט זיא איהם פאר וואס בדארפין מיר דא זיצין זאגט ער איך
זעה אז זיא גייען אלע זייער צוריסינע קליידער . עס איז ניט דא
צווישין זיא איין עושר דרום אז מיר וועלין דא זיצן וועלין מיר
זיין אקעגין זיא גרויסע גבירים אונ קיינער וועט אונז ניט קאלע
מאכען אונזער פרנסה דען מסתמא וועלין מיר האנדלין גרויס אונ
זיא זענין אלע ארימע לייט וועלין זיא אונז ניט קענין קאלע מאכין

עס איז ביז זייא גיבליבען בהסכם אז זיי זאלין אהין אריב
פארין אז עס איז געקומען זונטאג שיקט ער צוא רופען עטליכע
מענטשין פון דעם שטעטיל אונ פרעגט זייא וואס איז אייער פרנסה
אונ פאר וואס זענט איר אזעלכע ארימע לייט. אונ פאר וואס איז
ניט דא איין שיינע שטוב אין שטעטיל זאגין זייא צוא איהם דען איז
אונזער שטעטיל איז ניט דא אפילו איין עושר. דען לעבען איין
עושר לעבין פיל מענטשין. אבער אז מיר זענין אלע ארימע לייט
אזוי מוזין מיר אלע גיין אין וואלד אריין פאר דינגען אונזער
פרנסה דען לעבען שטעטיל איז דא איין גרוישער וואלד אונ גרויסע
סוחרים האלטין דעם וואלד אונ טרייבין דארט סמאלע. אזוי גייען
מיר אלע אוועק אהין זונטאג אונ אגאנצע וואך טרייבין מיר דארטין
סמאלע אונ מיר פאר דינגען אונזער פרנסה מיט ארימקייט ברוחק
אונ אויף שבת גייען מיר צוהיים דרום גייען מיר אלע פר שמירטע
קליידער פון דער סמאלע דען מיר האבין ניט פאר עפים צוא מאכין
זיך אנדערע מלבושים אויף שבת בזונדער אויך האבן מיר ניט פאר
עפים צו איבער בויען אונזערע הייזער דרום זענין זייא צוא בראכין
אזוי זאגט דער עושר צוא זייא איך האב בריאה אהער ארויס דען
איך בין אגרויסער עושר איך וויל מיר דא בויען איין גרויסע דירה
אונ גרויסע קליטין אונ איך וועל צוא נעמין אסך מענטשין פון אייך
צו מיר אונ וועל זייא געבין פרנסה היינו עטליכע וועלין זיין בייא
מיר נאמנים אין דיא קליטין אונ עטליכע וועלין זיין בייא מיר משרתים
אונ צוא עטליכע וועל איך לייען געלט אז זייא זאלין דער מיט
האנדלין איטליכען צוא וואס ער וועט מוגין אונ מיט גאטס הילף
איך וועל אייך מאכין פר מענשין אונ איר וועט דא האבין פרנסה.
אונ איך וועל דא אויף פירען גרויסע גרונטמאוערנע קליטין דען וועלין
פיל מענטשין פארין אהער קויפין סחורה אזוי וועט עס צוא ביסלעך
ווייס איין גיפירט ווערין אונ עס וועט ווערין איין האנדיל שטאט
אונ ער דינגט באלד פיל מענטשין אז זייא זאלין איהם ארויס פירען
האלץ פון דעם וואלד אונ אויך שטיינער ברענגען אונ צוא בויען
אונ צוא מויערין גרויסע דירות אונ גיוועלבין אויך האט ער צוא גינומען
פיל מענטשין וואס זאלין אכטונג געבין אויף דיא בויען אונ ער
בויעט אויס גרויסע דירות אונ מויערע גיוועלבין אונ שיקט אוועק
מענטשין קיין פראג אונ האנדילט איין פיל סחורה אלערלייא
סחורות. אונ פירט איין אגרויסע גרונטמאוערנע קליטין אונ ער לייזט

דארט פיל געלט דען פון אלע שטעטליך וואס ארום דעם שטעטיל וואס פאר מאגן עס צו פארין קיין פראג נאך אביסעל סחורה אין זייערע קליינין נעמין זיי געשער בייא אים אונ דאס שטעטיל ווערט אלע מאל גרעסער אונ שענער דען פיל מענטשין בויען זיך שוין איבער זייערע היזער . אונ מאכין גרויסע סטאנציעס אונ ער לייעט זייא דרויף פיל געלט אוך גיט ער זייא סחורה אז זייא זאלין זיך באקליידין אונ זאלין זיך אויס צאלין ביסלעך . דער כלל איז ער מאכט פון זייא אלע לייט אונ עס פארין פיל מענטשין אין דעם שטעטיל צו האנדלין אונ צוא פאר קופען אונ דיא שטאט לייט האבין אים זייער ליב אונ געבין אים אפ גרויס כבוד דען ער האט זייא אלע געמאכט פאר לייט אונ עס איז געווארין אין דעם שטעטיל גרויס האנדילס אמאל האט דער קאפיסר פון דעם שטעטיל בדארפט האבין סחורה אונ דער קאפיסר איז ניט געזעסן אין דעם שטעטיל נייערט ער איז געזעסין אין איין דארף . אזו זאגט ער צוא זיין קנעכט שפאן איין די פור אונ מיר וועלן פארין אין איין גרוסער שטאט אריין . אונ מיר וועלן איין קופין סחורה זאגט דער קנעכט צו אים מיין האר פאר וואס קופסט ניט אין דיין שטעטיל קיין סחורה . זאגט דר קאפיסר . דען אין מיין שטעטיל איז קיין מאל ניט דא קיין סחורה דען תמיד אז איך בדארף סחורה מוז איך פארן אין איין אנדער שטאט אריין צוא קופין דען דוא ווייסט זיך אז אין אונזער שטעטיל איז ניט דא קיין סחורה דען עס איז זייער ארום עס איז ניט דא איין עושר צווישן זיי . דען איך ווייך דס שטעטיל פון צו קוקין אוף זייער ארמקייט . זאגט דער קנעכט מיין ליבר הער עס איז ניט לאנג ארום אגרויסער עושר זייער איין שיינער מענטש . אונ איין גרויסער חכם . אונ איין פרומער מענטש ער האט אים געבויעט איין גרויסן פאליץ אונ גרויסע קלייטין אונ ער האלט פיל סחורה פון אלערלייא מינים . אונ אלע שטעטליך וואס ארום נעמין בייא אים סחורה. אונ אלע שטאט לייט האבן ארום אים פרנסה אונ פיל מענשן האבן שון איבער געבויעט זייערע היזער . דוא זאלסט קומן אין שטעטיל וואלסטו עס שון ניט דער קאנט דען עס איז היינט גאר אנדערש געווארן אז דער קאפיסר הט דס דער הערט . זאגט ער צו דעם קנעכט הייל אונ שפאן גיך דיא פור . אונ מיר וועלן פארן אין אונזער שטעטיל . אונ איך וועל אן קוקן דס שטעטיל . אונ דעם שיינעם עושר וואס ער איז ניט לאנג אהין אן געקומען דען ביז אהער

איז מיר מיאוס גיוועזן צו קוקן אויף דעם שטעטיל אבער היינט
זיי זענן שוין ניט אזעלכע אריטע לייט אונ די הייזער זענן שוין שענער
געל איך פֿארין אן קוקן. אזו באלד פֿארט דער קאמיסר אין דעם
שטעטיל אונ דר קנעכט פֿר פֿירט אים גלייך צום עושר וויא דער
קאמיסר קומט אריין צו איר אין קלייט אונ זעהט דארט פֿיל סחורה
אזו פֿרעגט ער זיא ווער ביסטו. אונ ער זאגט איר. אז ער איז
דער קאמיסער פֿון דעם שטעטיל. אזו הייבט זיא אן מיט אים צו רעדן
מיט גרוס שכל אזו פֿר וואונדערט ער זיך זייער אויף איר גרוס שכל אונ
אויף איר שיינקייט כמט פֿיל צירונג דען ער האט מיט די שטאט לייט קיין
מאל ניט געקאנט רעדן דען פֿון וועגן זייער ארמקייט זענען זיי געוועזן פֿר
גארישט דער סדר איז דער וואס האנדלט איז קרוג מלחמת ער רעדט
שטענדיג מיט סוחרים אבער זייא פֿלעגן זיין שטענדיג אין וואלד
דרום זענען זייא געוועזן פֿר גארישט. אונ זי ווייזט אים פֿיל סחורה אונ
ער קויפֿט ביי איר סחורה אונ האט דער פֿון גרוס הנאה. אונ ער
פֿרעגט זי ווו איז דיין מאן זאגט זי מיין מאן זיצט שטענדיג אונ לערנט
אונ דינט צוא השי״ת גאר צוויי שעה אין טאג מישט ער זיך אין
משא ומתן אונ דו ווילסט דא הארין ביז ער וועט קומען וועסטו אים זעהן
אונ רעדין מיט איהם. אונ ער הארט דארט אין קלייט ביז ער
איז אן געקומען. אז דער קאמיסר האט אים דער זעהן אזוי
פֿאר וואונדערט ער זיך אויף זיין פנים דען די אלע שטאט לייט
זענען זייער שווארץ דען זייא האבין זיך שטענדיג געפֿארעט מיט
סמאלי אבער ער איז זייער איין שיינער פֿארשון. אונ איין
איידעלער אונ דער קאמיסער הייבט אן מיט עהם רעדין אזו רעט
ער מיט גרוס חכמה אונ מיט גרוס דרך ארץ אזו פֿאר ווינדערט
ער זיך אויף זיין גרוס חכמה מיט זיין לשון אונ זאגט זינט איך
לעב האב איך נאך אזו איין חכם ניט געזעהן. דען אין וואס ער
שמועסט מיט אים ווייסט ער דען ער איז קלאר אין אלע חכמות
אונ ער קושט אים אונ האלזט אים אונ זאגט צוא אים איך דאנק
דיר זייער דען דו האסט גימאכט דאס שטעטיל פֿאר איין שטאט.
אונ דיא מענטשין פֿאר מענטשין דרום ליבער פֿרייגד זייא וויסן
אונזער דוכוס פֿון דער שטאט זיצט אין פֿראג. דען פֿראג איז ווייט
דיא מיסע הייזער אונ איך בין דא איין קאמיסאר אונ איך זיין [illegible]

נים דא דרום שטייט דער הויף פון דעם דוכוס תמיד לידיג . אונ
איך זיץ גאר אין איין דארף פון אונזערע גיטער . אבער היינט וועל
איך שרייבין איין בריף צו דעם דוכוס אונ וועל אים דער ציילין
ווי אזוי דוא ביסט דא אין שטאט אונ דוא האסט גימאכט די
שטאט פאר איין שטאט אונ דוא האסט גימאכט אלע פר לייט . אזו
וועט ער בוודאי קומען אהער צו דיר ער זאל דיר אפ דאנקען דער
פאר אזוי וועט ער דיר געבין גרויסע מתנות . אונ דער קאמיסאר
זעגינט זיך מיט אים זייער שיין אונ קושט אים אונ דאנקט איהם
זייער אונ פארט אהיים אונ ווי ער קומט אהיים אזוי שרייבט ער
איין בריף צו דעם דוכוס אונ דער ציילט איהם די גאנצע מעשה
אז דם שטעטיל איז היינט זייער שיין אונ די שטאט לייט טרייבין
שון ניט קיין סטאלי נייערט זיא זענין שון סוחרים אונ נאמנים פון
דר האנט פון דעם עושר אונ ער לייעט זייא אום געלט אוף האנדיל
אונ פיל מענטשין נענן ביי אים אין שטוב אונ אין זיינע געוועלבין
אונ עס איז שון דא פיל היינער שיינע אונ פיל סוחרים פארין שון
אהין נאך סחורה אונ בעט דעם דוכוס אז ער זאל צו פלייס
ארויס פארין אן קוקין די שטאט מיט דעם עושר אזו וועסט דו
גרוס תענוג מקבל זיין פון דעם שטעטיל דען דו וועסט זעהן אז
דיין שטאט האט שון איין אנדער פנים . אונ דו וועסט זעהן די
גרויסע חכמה פון דעם עושר אונ פון זיין נוייב . אונ ווי די בריף
קומט אן צו דעם דוכוס אונ ער לייענט זיא איבער אזוא הייסט
ער גיך איין שפאנען די קאריטע אונ פארין תיכף אין דעם שטעטל
ארויין אונ פארט פריער צו דעם קאמיסר . אונ זיי פארן ביידע אין
דעם שטעטל אונ ווי דר דוכוס קומט אין שטאט אונ דער זעהט אז
עס איז דא שיינע הייזער אונ די מענשין גייען שיין אן גיטאן אזו הט
ער גרוס הנאה אונ פארט צום עושר אין קלייט ארויין אונ ווי ער
קומט אין קלייט אזו נעמט זיא אים זייער שיין צוא מיט גרוס
כבוד דען זיא האט פאר שטאנען אז דאס איז דער דוכוס פון דער
שטאט ווייל זיא האט גיזעהן אז דער קאמיסאר האט איהם גרוים
כבוד אפ גגעבין . אונ דער דוכוס פרעגט זיא ווויא איז דיין מאן
אזוי באלד לופט זיא אונ רופט איהר מאן אונ איז איהם מודיע אז דער
דוכוס פון דער שטאט איז דא ביא איהר אין קלייט ער איז צו פלייס
געקומען פון פראג זיך זעהן מיט אונז דען דער קאמיסאר האט איהם

געשריבען

גשריבן אז מיר האבן געמאכט דם שטעטיל צוא לייט דרום איז ער
אהער געקומן אונז אפ דאנקן אונ ער וויל זיך זעהן מיט דיר אליין דרום
קום באלד אזו גייט ער מיט איר אין קלייט אריין . אונ ווי דר דוכוס
דער זעהט איהם אזו קושט ער איהם אונ דאנקט איהם זייער וואס
ער האט איהם צוא לייט געמאכט דאס שטעטיל אונ זאגט צוא אים
איך האב אהער קיין מאל ניט גיקענט קומן מחמת זייער אריםקייט
אונ זייער פרנסה איז נאר גיוועזן מיט סמאלע אזוא זענן זייא
גוועזן שטענדיג פאר שמירט . אבער היינט וועל איך שון קענן קומן
אהער אונ וועל שון קאנין מיט זייא רעדן . אונ דער דוכוס רעט
מיט דעם עושר אונ זעהט זיין גרוס חכמה אונ ער רעט מיט אים
עטליכע שעה אונ דר עושר בעט אים צו זיך אין שטוב אריין אונ
איז איהם מכבד מיט טייערן וויין אונ טייערע מאכלים אונ דער דוכוס
זאגט צום עושר מיין הארץ איז צוא דיר צוא גיקלעפט גווארן מחמת
ליבשאפט איך קען שון נאר פון דיר ניט אוועק פארן . אונ דער
דוכוס פארט אריין אין זיין הוף אריין אוף נעכטיגן אונ אין דער
פריא קומט ער ווייטער צוא פארין צום עושר אונ רעט ווייטער מיט
אים עטליכע שעה דעם דריטן טאג שיקט ער צו ברענגן דעם עושר צו
זיך . בקיצור ער איז גשטאנן דארט פיר וואכן אונ אלע טאג הט ער
זיך גמוזט מיט אים זעהן אונ רעדין מיט אים רען ער האט שון גאר
אן איהם ניט גיקאנט אום קומן ער הט אים ליב גהאט ווי זיין אייגין
לעבין . נאך פיר וואכין איז ער גיקיבען צו פארין צו איהם אונ
זאגט צו איהם איך קאן פון דאנין גאר ניט אוועק פארין אן דיר דען
אן דיר וועל איך ניט לעבין דרום לאז דא איבער מענטשין איבער
דיינע גשעפטין מיט דיא קלייטין אונ דו מיט דיין ווייב פאר ארום מיט
מיר קיין פראג אונ איך וועל דיר איבער ענטפערן אלע מיינע גוטער
אין דיא הענט אז דיא זאלכט האבן צוא שאפן אונ דיא זאלכט
אפ געמין חשבון בייא אלע מיינע קאמיסארעס אונ קיין שום תבואות
וועט מען ניט מארין פאר קופען אן דיין וויסן בדי דוא זאלכט
האבין סעקרעטריא אונ איך וועל דיר אוך געבין פון מיין הוף וואס
דו וועסט בדארפן אוף דער הוצאה היינו כל מיני תבואה אונ וועל
דיר געבין איין דירה מיט האלץ אונ מיט וואסר מיט ליכט אונ וואס
דו וועסט פר דינען אחוץ וועסטו אוועק לייגן . אוך דו וועסט זיך
מאכין דארט אגרוסין ווין שענק אונ איך מיט אלע מיינע מענטשן וועלן
בייא דיר געמין ווין . נאר דוא זאלסט אכטונג געבן אוף מיין גוטס

דען

דען דיא שטאט פראג פכט אלע אירע רעכשער קענן אלע צו מיר אונ איך זעה אין דוא פיקט איין גרויסער חכם אין איין גרויסער צדיק מסתמא וועסטו ערליך זיין אונ געטריא זיין אין מיינע געשעפטן · אונ עס איז אזו געבליבן ער האט גילאזט אין זיינע געשעפטן נאמנים אונ ער מיט זיין ווייב זענען ארום מיט דעם דוכוס קיין פראג אונ ער האט איהם געגעבן איין פאפיר אז ער האט צוא שאפן אוף גאר זיינע גוטער ער איז דער גרעסטער קאסירער אונ ער בדארף אפ געמן חשבון ביא אלע קאסירערס · אונ ער האט איהם גיקופט איין גרויסן פאליץ אונ ער האט אים אריין גשיקט פיל תבואה אוף עסין אונ פיל געלט אוף דער הוצאה · אונ דער עושר איז ביא איהם זייער חשוב אונ ער מאכט זיך איין גרויסן ריין שענק אונ ער האט גרוס שפע דען דער דוכוס מיט אלע זיינע מענטשן נעמן ביא איהם וויין אונ אוך פיל מענטשן גרויסע לייט נעמן ·וא לבב דעם דוכוס אונ אזו אוך אנדערע מענטשן וואס האבן איהם ליב דען ער איז זייער איין פרומער אונ ער גיט פיל צדקה דרום איז ער זייער חשוב ביא דער גאנצער שטאט · אונ ער זיצט שטענדיג אונ לערינט נאר צוויא שעה אין טאג מישט ער זיך אין משא ומתן · אונ גיט אכטונג אוף דיא חשבונות פון דעם דוכוס אונ ער טוט זייער מיט גרוס נאמנות · אמאל קומט אריין דער נאמן פון דעם וויין שענק אונ זאגט צו אים מיין האר עס גייט מיר אפ מזומנים רענדליך אונ איך האב זיי בוודאי ניט גינגנבת נאר איך האב גהאט איין חשבון זעה איך אז עס גייט אפ איך וויים ניט פון ואס דאס איז · אזו זאגט דער עושר מאטר איז דיר אמיצער שולדיג זאגט דער נאמן איך גדענק ניט אז אמיצער זאל מיר שולדיג זיין מזומנים רענדליך פר וויין עס קאן גאר ניט זיין דער עושר איז זייער ברוגז אוף דעם נאמן אונ פר חידושט זיך זייער אז עס זאל אפ גיין אזו פיל געלט דען ער ווייסט דער נאמן איז איין ערליכער ער האט בוודאי ניט גינאנבעת · אונ ער זאגט צוא איהם גייא נאר חשבון נאך אמאהל איבער דען עס קען גאר ניט זיין אזו איז דער נאמן אוועק געאנגן זייער צארינדיג דער נייל קומט אן איין קוויטל פון דעם בישוף אונ שרייבט צום נאמן אזו וויא איך בין דיר שון שולדיג מזומנים רענדליך פאר וויין אונ איך האב דיר נאך ניט אפ צו געבין אונ מארגן בדארף איך מאכין איין גרויסן באל דרום זאלסטו מיר געבן וויין אוף דעם באל אונ אין נאך יגער צייט ארום וועל איך דיר אין גאנצן באצאלין וויא דער

גאמן לייגט איבער דם קוויטל אזו דער פרייט ער זיך זייער אונ לויפט אריין מיט גרוס שמחה צום בעל הבית אונ זאגט צו איהם די טויזנט רענדליך זענן שון דא דען איך האב גאר פר געסן אז דער בישוף איז מיר שולדיג טויזנט רענדליך אונ ווייזט אים דאס קוויטעל. אזו ווערט ער זייער ברוגז אונ זאגט צום נאמן גיב אים שון מער קיין ווין ניט דען אז ער וועט דיר אפ געבן דיא טויזנט רענדליך וועסטו איהם ווייטער בארגין אזו זאגט דער נאמן צום שליח פון דעם בישוף גייא אונ זאג דיין האר אז דער בעל הבית הייסט אים שון מער קיין ווין ניט געבין ביז ער וועט פריער אפ געבן דיא טויזנט רענדליך וואס ער איז שולדיג. אונ דער שליח גייט אונ זאגט עם דעם בישוף אזו ווערט דר בישוף זייער ברוגז אוף דעם ווין שענקר ווייל ער האט אים זייער מבייש גוועזן פר פיל לייט. אונ ווידער ער וויל אים ניט בארגין קיין ווין אונ אוף מארגין בדארף ער מאכין איין באל אונ קיין געלט האט ער ניט אזוא וועט ער מבויש ווערין פאר גרויסע לייט דען ער נעמט בייא אים תמיד אוף בארג אונ דער נאך בצאלט ער אים מיט אמאל אונ היינט וויל ער אים ניט געבן איז ער זיך גאר מכוין כדי ער זאל מארגן מבויש ווערין דרום גייט ער צום קאמיסאר פון דער שטאט אונ דער ציילט איהם דיא גאנצע מעשה אונ בעט אים זייער אז ער זאל זיך נוקם זיין אין דעם ווין שענקער דען ער האט זיך מכוין גוועזן אים מבייש זיין אזו שיקט באלד דר קאמיסר אים רופן וויא דער שליח קומט צום ווין שענקר אונ זאגט דער קאמיסר רופט אים מיט גרוס צארן אזו ווערט דער ווין שענקער זייער ברוגז אוף דעם קאמיסער אונ זאגט צום שליח גייא זאג צוא דעם קאמיסער אז איך וועל צו אים ניט גיין נאר אז ער וויל אונ דארף מיט מיר עפים רעדן זאל ער קומען צו מיר אז דער שליח שטיט אונ זאגט דעם קאמיסער דיא רייד אזו ווערט ער זייער ברוגז אוף דעם ווין שענקער אונ זאגט צוא עטליכע קנעכט גייט אונ ברענגט אים מיט גוואלד אונ איך וועל אים שליסן אין קייטין דען ער האט מיך גיזידעלט וויא די קנעכט קומען צום ווין שענקר אונ זאגן אים אז זיי זענן גיקומען אים נעמן מיט גוואלט צום קאמיסער אונ ער וועט אים שליסן אין קייטן פר נוס ער איז אזו תקיף צו אים ניט געקומן אונ האט אים נאך גיזידעלט דען ער האט געזאגט דר קאמיסער מעג גיין צו אים. אזו לאכט ער זייער פון דעם קאמיסער. אונ זאגט צו די קנעכט גייט אונ זאגט דעם קאמיסער פון מיינעט וועגן

אן

אז ער זאל תיכף קומען צו מיר · דען איך בדארף ביי אים זיין
נעמען חשבון פון דעם דוכוס גוטס וואס ער שאפט דרויף דען איך האב
איין פאפיר פון דעם דוכוס אז אלע קאמיסערס פון דעם דוכוס בדארפען
מיר אפ געבין חשבון ווי די קנעכט גייען אונ דער ציילין דאס דעם
קאמיסר איז ווערט ער דער ציטערט אונ לויפט באלד צו דעם
וויין שענקער אונ בעט איהם זייער שטארק איבער אונ זאגט צו
איהם זייא מיר מוחל דען איך האב ניט גיוואוסט אז דוא ביסט אזוי
איין חשוב בייא אונזער דוכוס דרום האב איך גיזאגט אזעלכע
שלעכטע רייד אויף דיר איך וועל שון ווייטער וויסין אז איך
בדארף דיר אפ געבין גרוס כבוד דוא ביסט פיל גרעסער פון מיר
אונ דער קאמיסאר גייט אהיים מיט גרויס חרפה אונ זאגט צו דעם
בישוף איך קאן איהם גאר ניט טאן דען איך האב מורא פאר איהם
אונ דער בישוף גייט אוועק מיט גרוס כעס אויף דעם וויין שענקער
אונ זאגט איך מוז מיך אין איהם נוקם זיין אונ דס איז גיוועזין נאהינט
צו פסח · אזו שמועסט דער בישוף אפ מיט איין נוצרי אז ער
זאל דעם וויין שענקער אונטער ווארפין איין גישטאכינים נוצרי אין
קליינעם אונ זאל עס אריין ווארפען בייא איהם אין איין קעליר אדער
אין איין קאמיר אונ דער נאך וועט מען באלעגערען אויף זיין שטוב
אונ מען וועט איהם גיפינען אזו וועט מען זאגין אז ער האט איהם
גישטאכין דען ער בדארף האבין בלוט אויף פסח דען אמאהל
פלעגין דיא נוצרים זאגן אז יודן דארפען האבן בלוט אויף פסח
אזו וועלן מיר זיך אין אים נוקם זיין אונ דער פאר וועסטו האבין
עולם הבא · אונ דר נוצרי האט דעם בישוף גיפאלגט אונ איז גיגאנגען
אהיים אונ ביי אים איז גיוועזין איין קינד שלאף אזו האט ער איהם באלד
גישטאכן אונ האט איהם אריין גיווארפין צו דעם וויין שענקר אין איין
אפינעם קעלער אונ אז עס איז גיקומען דיא ערשטע נאכט פון פסח אונ
דער וויין שענקער זיצט אויף דעם הסיבה בעט זייער פריילך אזו איז
גיקומען אין דער בישוף מיט פיל מענטשין אונ זענען ארום גיפאלן אויף
זיין הויף צו זוכן דעם גיהרגינטען נוצרי דעם קליינעם אונ האבין
איהם גיפונען בייא איהם אין קעלר אזו באלד וויל דער בישוף נעמין
דעם וויין שענקער אונ איהם שליכן אין קייטן אבער דר דוכוס איז
גיוואר גיווארין אונ שיקט צום בישוף אז ער זאל איהם ניט טאן
קיין שום זאך דען ער איז פאר אים ערב אז ווען מען וועט איהם
בדארפין צום משפט מוז ער אים צו שטעלין. אונ ער פאר לאזט

זיך ניט צוא משפטין אויף קיינעם נאר אויף דעם מלך מיט דעם פויפסן
אז זייא זאלין משפטן דעם משפט דען דער דוכוס ווייסט אז דער וויין
שענקער איז איין ערליכער מאן ער וועט בוודאי קיין קינד ניט גנביגען
נייערט עס איז איין בלבול. דער בישוף זעצט איהם ניט אין תפיסה
נאר ער שטעלט איין וואכט ביי זיין שטוב אז ער זאל ניט אנטלויפן
אונ מען שיקט רופין דעם מקה מיט דעם פויפס אונ מען בעט זייא
זייא זאלין אראפ פארין צוא פסקנין דעם משפט אונ דיא גאנצע
שטאט בעטן פאר דעם עושר דען זייא האבן אים אלע זייער ליב
וואָרום ער איז זייער איין פרומער אונ איין גרויסער בעל צדקה אלי
יודן האבן פרנסה פון אים אונ ער טוט אין שטאט גרויסע טיבות
דען ער איז זייער חשוב ביי דעם דוכוס פון דער שטאט אונ
דער דוכוס האט אים ליב וויא זיין לעבן אויך זיצט ער שטענדיג אונ
לערינט אונ איז איין גרויסער צדיק. אויך דער גור אריה דער רב
פון דער שטאט פראג האט זייער גרוס יסורים פון אים אונ בעט צו
השי"ת אז ער זאל דעם עושר העלפן פון דעם בלבול. אונ דער
גור אריה פאסט פיל תעניתים דרוף אז ער זאל עפיס איין עצה
דרוף וויסן. אמאהל האט זיך דער גור אריה געלייגט
שלאפין ביי נאכט אין שלאף האט ער זייער גרויסע יסורים
געהאט פון דעם בלבול אזוא איז מען מודיע דעם גור אריה בייא
נאכט אונ מען זאגט איהם. הער אוף צו פאסטין אונ צו זארגין
נאר זאלסט פארין אין דער שטאט דארט איז דא איינער הייסט
ר' ליב מען רופט איהם לייבילע זאקין מאכער ער ארבייט זאקן
אונ פאר קויפט דער פון שפייזט ער זיך דער לייבילע קאן איהם
העלפין ווייטער קען קיינער דער צו ניט העלפין אזו שטייט דער גור
אריה אויף אין דר פריא אונ נעמט גלייך אפור אונ פארט גלייך
אין דער שטאט אריין אונ ער קומט גלייך אין שטאט אריין אונ
פרעגט אויף לייבעלי זאקן מאכער. זאגט מען צוא איהם מיט
געלעכטער וואס טויג אייך דער לייבילע זאקין מאכער איהר דארפט
זיך לאזין ארבעטין ביי איהם זאקין דען ער איז נאר איין פראסטער
מענטש אונ איין ארימאן וואס באדארפט איהר איהם. דער גור
אריה זאגט צוא זייא וואס הארט אייך וואס איך באדארף איהם.
ווייזט מיר נאר וויא ער זיצט אזוי ווייזט מען איהם אז ער זיצט
מחוץ לעיר אין איין קליין שטיבעל אונ ער איז איין גרויסער ארימאן.
אונ דער גור אריה גייט אריין צוא איהם אונ דער לייבילע גיט
אים

איהם שלום אונ זאגט וואס טוט איר דא זאגט דער גור אריה איך בדארף צו אייך עפיס האבין זאגט ער צו אים טאמער בדארפט איהר אפאר זאקין קויפין זאגט ער ניין אונ דר צילט איהם די גאנצע מעשה אונ דער ליבילע לאכט זייער דער פון אונ זאגט איך קאן מער ניט נאר זאקין ארבעטין אבער וויא קום איך צוא אזוי איין מעשה איך זאל קאנין ריידין מיט איין מלך אונ מיט איין פויפס אבער דער גור אריה זאגט צוא אים עס איז קיין תירוץ ניט דען איהר וועט דא מציל זיין איין גרויסין צדיק אונ איך האב מיך דער וויסט אז איהר קענט איהם העלפין דרום איז בוודאי איין יושר אז איהר זאלט איהם טאהן דריגען איין טובה אונ טאמיר ווילט איהר ניט בין איך אויף אייך גוזר. דען איך בין דער גור אריה דער רב פון פראג. אזוי זאגט דער ליבלי צוא איהם רבי איהר פארט אהיים אונ איך וועל שוין דארטין זיין איך וועל גיין צוא פויפס דען דר משפט וועט ערשט זיין אום שבועות אונ ערב שבועות וועל איך זיין אין פראג אונ מיט גאטש הילף וועט דער יהודי זיין ריין פון דעם משפט דען ער איז זיך באמת גאר ניט שולדיג. אונ דער גור אריה גיזעגינט זיך מיט אים אונ פארט אהיים אונ זאגט זיא דארט איין בשורה אז דער עושר וועט שוין מיט גאטש הילף גיהאלפין ווערין נאר וויא אזוי זאגט ער זיא ניט נאר ער זאגט זיי זארגט גאר ניט עס וועט זיין רעכט אונ דער ליבילע גייט ארום פון דר היים ערב שבועות אונ גייט אויף דעם וועג ניט ווייט פון פראג באגעגינט ער פארין דעם פויפס ער פארט קיין פראג צוא דעם משפט אז דער פויפס זעהט גיין דעם ארימאן אזוי הייסט ער זיך שטעלין אונ פרעגט איהם ווער ביסטו אונ וויא אהין גייסטו ענטפערט ער איהם איך בין איין יהודי אונ איך גייא קיין פראג אויף שבועות אזוי זאגט דער פויפס צוא איהם זעץ זיך אויף מיט מיר אזוי וועסטו גיכער זיין אין פראג דען דר סדר איז אז איין פויפס איז איין ענוו בייא זיך אונ איין בעל רחמנות. אונ דער ליבילע דער ארימאן זעצט זיך מיט איהם. אויף דעם וועג ריידין זיא ביידע דר פויפס פרעגט דעם ארימאן וואס באדארפסטו קיין פראג זאגט ער איך באדארף האבין איין קלייניקייט. אונ דר ארימאן פרעגט דעם פויפס וואס פארסטו קיין פראג וואס באדארפסטו דארט האבין פאר איין עסק זאגט דר פויפס איך פאר מבוח איין עסק וואס דער בישוף האט מיט איין יהודי דר יהודי האט גיהרגעט פר פסח איין נוצרי אונ האט בייא אים ארום גנומען דאס בלוט אוף פסח

דאז דער בישוף האט עס גיזאגט גיראדע איך מיט דעם מלכות פרעגן
דעם דין דען דער יהודי איז זייער חשוב ביי דעם רוכוס פון פראג
הידוס האט זיך דער רוכוס פר לאזט אויף אונז דען קאמר איז דם איין
בלבול דרום וועלין מיר דר קלערן דעם אמת. זאגט דר אריטאן צו
אים איך פאר אויך מכוח דעם בלבול אזו בעט דער אריטאן זייער
שטארק דעם פופס אז ער זאל ניט גיין צום משפט אן אים. אונ דר
פופס זאגט צו אים. אזו קומען זייא אין שטאט אריין אונ גייען זיך
פארנאנדער דר פופס פר פארט אין אגרויסע הטאנציע אונ דר לייבילע
גייט אריין צום גור אריה אונ זאגט צוא אים שרעקט זיך ניט דען
עס וועט ארי"ה גאר דערבט זיין. אונ מארגן אין דער פרי האט גימאכט
איין תליה אונ מען שיקט רופין דעם פופס אבער דר פופס זאגט
איך קען נאך ניט גיין ווארום ער האט צו גיזאגט דעם אריטאן אז ער
זאל ניט גיין אן אים אונ אז דר אריטאן איז גקומען צוא דעם ארט
פון דעם משפט אונ האט זיך גיזעצט צום משפט מיט דעם מלך
אונ דער אריטאן איז אויך אהין געקומען אונ דער רוכוס מיט דעם
בישוף זענען אויך גיקומען אונ דר בישוף שרייט זייער פאר זייא אין
דען דם גיהערט גיווארין באשער ער איז איין חשוב ביא דעם רוכוס
מעג ער הרגנען איין נוצרי דען ער האט גיהרגית דאס קינד פון דעם
דרום באראך מען אים הרגנען אזו קערט זיך אום דר פופס צום
אריטאן אונ זאגט צוא אים וואס זאגסטו זאגט דער אריטאן אז איך
וועל דיר אבר אויס ווייזן אז דער יהודי האט ניט גיהרגית נאר דער
בישוף האט גיהייסן הרגנן אונ מען זאל אים אונטער ווארפן דעם
יהודי וס וועט זיין זאגט דר פופס דעם משפט וס מען בדארף טאן
דעם יהודי וועט מען אים טאן אזו זאגט דר לייבילע קומט מיט מיר
אונ דער לייבילע פירט זייא אויך פיל מענטשין גייען צו זעהן דיא
חידושים פון דעם אריטאן אונ ער פירט זיי דארט ווי דם טויטע קינד
איז באגראבין אונ ער הייסט אים ארויס נעמן פון דר טרונע אונ מען
נעמט אים ארויס אזו הייסט ער זיך אים זעצין אונ זאגט זעהט וועט
עס שטיים לעבן דיר זעץ זיך אויף אזו זעצט ער זיך אויף זאגט ער
צו אים וואס שווייגסטו זאג ווער עס האט דיך גישטאכין. אזו הייבט
ער אן צו ערציילען וויא עס איז מיט אים גיוועזן אזו וויא איך בין קראנק
גיווארין אונ איך בין שלאף גיוועזן האב איך גיזעהן וויא דער בישוף איז
גיקומען צו גיין צו מיין פאטער אונ זאגט צו אים איך זאג דיר צוא
עולם הבא אז דוא וועלסט שטעכין דיין קינד אונ וואלסט עס אונטער
ווארפין

נאָרפֿין דעם נאַיין שענקר דען ער הט מיך מבֿיש גיוועזן אונ זיין רינגר
וועט זיך בלוז שטארבין דען ער איז זייער שלאף אונ נאך פֿיל רייד
האט ער איבער מיין פאטר גירעט אונ הט אים זייער שטארק גבעטן
פֿיז ער האט אים איבער גירעט אזו האב איך אן גהובן זייער שרייען
אונ וויינען וואס האט איהר צוא מיר וואס ווילט איהר פֿון מיר זום
בין איך שולדיג אבער עם האט ניט גיהאָלפֿין מיין וויינען מיין בעטן
אונ מיין פאטער האט מיך ניט גיהערט אונ ער האט אן גישארפט
איין מעסיר אונ איך בין גילעגין אין גרויס הייץ איך האב מיר ניט
גיקאָנט רירין אזוי איז מיין פאטער צוא מיר צוא גיגאנגין מיטין
מעסיר אונ האט מיך גישטאָבין . אונ וואס וויטער מיט מיר איז גיוועזן
נאך דעם ווייס איך שוין ניט נאר דאס האב איך גיהערט אונ גיזעהן
אזוי זאגט דער לייבילע צוא אים נוא הייגט לייג זיך אנידער צו ריק
מען באבארף דיך שון מיין גיט פרעגן אונ ער לייגט זיך אנידער
אונ בלייבט ווידער טוט . אזוא הייכט ער אים אריין לייגן צוריק
אין דר ערד מיט דער טרוגע ווי פֿריער אונ דער לייבילע זאגט צום
מלך מיט דעם פוסם נוא וואס זאגט איר היינט אוף דעם בישוף ניט
גינוג אז ער אליין הט אים גיהייסן הרגענן הט ער נאך גיוואלט דעם
יהודי אוך אום ברענגען . אזו באלד האט דער מלך מיט דעם פוקם
גהייסן אז מען זאל דעם בישוף מיט דעם פאטער פֿון דעם קינד הענגן
אוף דער נעלבינגער תליה . אונ אלע וואונדערן זיך אוף די מעשה וואס
די לייבילע הט באוויזן אונ נאך דעם איז ער זייער גרוס גיוואָרן ביי
דעם מלך אונ מען הט אים גרוס כבוד אן גטוהן :

סוף